Shylock, tr. by J. Baroschauer

שאילאק

אדער

דער קויפמאן פון וועניס.

פאָן

וויליאם שעקספיר.

איבערזעצט פאָן

י. באַראַשאַוער.

פרייז, 15 סענט.

דרוק אונד פערלאג פון

דיא היברו פאבלישינג קאמפאני,

83־85־87 קאנאל סטריט, ניו יארק.

THE HEBREW PUBLISHING CO.,

83-85-87 Canal Street, NEW YORK.

א קורצע ביאגראפיע פון שעקספיער.

וויליאם שעקספּיער, דער גרעסטער ענגלישער דיכטער, און גרעסטער דראַמאטיקער פון דער וועלט, איז געבאָרען געוואָרען אין ענגלאנד, אין דער שטעדטעל סטראַטפאָרד בּיי דער טייך אוואָן. זיינע עלטערן זיינען געוועזן ארימע בעלי בתים, און האבען איהם ניט געקענט געבען קיין פּילדונג. ער האָט געלערענט אין סקול א זעהר קורצע צייט, און האָט דאַן גענומען ארבייטען צו העלפען זיינע עלטערן. ווען ער איז אויפגעוואקסען איז ער אוועק נאך לאנדאָן, האָבענדיג פריהער געהייראטה א מיידעל וועלכע איז עלטער געוועזן פאר איהם מיט אכט יאָהר. אין לאָנדאָן, זאָגען זיינע בּיאָגראפיקער, האט ער אָנגעפאנגען זיינע קאריערע דער מיט וואָס ער האט צוגעהאלטען דיא פערד פון לאָרדען און דזשענטעל-לייט וועלכע פלעגען קומען זעהען דיא פאָרשטעלונגען, אָדער דער מיט וואס ער פלעגט ערשיינען אויף דער ביהנע אלס שטומע פּערזאָן. ער האָט אָבער באלד אָנגעפאנגען בעקאנט צו ווערען צווישען דיא אקטיאָרען אלס שרייבער און אקטיאָר, און האט אָנגעפאנגען צו פערדיענען מעהר געלד. ווען ער איז אלט געוועזן ניין און צוואנציג יאָהר האט ער געשריבען זיין ערשטע גרויסע ווערק „ווענוס און אדאָניס“ וועלכע האט אנגעמאכט א שטורעם אין ענגלאנד, און האָט איהם באלד בעריהמט געמאכט. נאכהער האט ער אָנגעפאנגען איבער צומאכען דראמען, קאָמעדיען, און אנדערע טהעאטער-ווערקע און ענדליך האט ער אנגעפאנגען צו שרייבען זיינע וועלט-בעריהמטע, אונשטערבּליכע און אונאיבערטרעפליכע ווערקע, איז געוואָרען א שער-האלדער אין טהעאטער, האט געהאנדעלט מיט לאנד, און איז בעריהמט געוואָרען איבער גאנץ ענגלאנד אלס דער גרעסטער געדאנקען-רייכסטער, און דראמאטיש-שטארקסטער דיכטער.— ער איז געשטאָרבען אין זיין געבּורטס-שטאָדט אין אלטער פון צוויי און פופציג אדער איין און פופציג יאָהר, און האט איבערגעלאָזען צוויי טעכטער, און א ציסליך גרויסע סומע געלד.

11 Mr'14 BINDING

145651

פאררעדע צו שאילאק.

פיעלע יידישע לעזער קענען געפינען וואס אויסצוזעצען געגען שאילאָק, דענ־
קענדיג דאס אין דעם חאראקטער פון שאילאָק האט דער זאָגענאנטער שונא ישראל
שעקספיער הערויסגעשמעלט דעם יידען וויא ער שטעהט און געהט, ד. ה. דעם
יידען וויא דיא שונאי ישראל בעטראכטען איהם,—דעם געמיינעם, געלד־מאכענדען
שאכער־מאכער׳דיגען, פון דיא אנדערע פעלקער אבגעזאָנדערטען, זיין פאמיליע־ליע־
בענדען אידען, וועלכער איז א פראָצענטניק וויא פון דער נאטור און א חונף אויס
שלאנגען ארטיגער גלאטקיים, און ניפמינקייט. אָבער אויב מאנכע לעזער, וועלען
דענקען, אדער דענקען אזוי, האבען זיי א טעות. שעקספיער, וויא ווייט מען קען
פון זיינע ווערקע פערשטעהן. זיין חאראקטער, זיין גייסטעס—גרויסקייט, דיא רייכ־
קייט פון זיין נאטור, און זיין גרויסע ליעבע, איז געווים פעהיג געוועזן צו פערשטעהן,
און האט פערשטאנען פון וואו דער איינגעבוירענער רוקען, דער שטילער גייסט וואס
שארט זיך און גנב׳עט זיך הערייז אין דער וועלט, פון וואו דיא פערביסענע, אין זיך
שטאָלצע, איך וואלט קענען זאגען ביטרע אונטערטהעניגקייט נעהמט זיך ביים אידען,—
שעקספיער, זאָג איך, האט עס געווים געקענט פערשטעהן, און ניט ער איז געוועזן
א מענש צו פערדאממען, צו פערשווארצען, אהנע גרינדליך אויסצופאָרשען. פאנאנ־
דערצופלאָנטערן, און צו דערגעהן דעם גרונד, דיא אורזאכע פון א מענשענ׳ס, אָדער
פון א פאָלקס האנדלונגען, און נאטירליכע, אדער אָנגענומענע חאראקטער־ציגע.
אויך ניט שעקספיער איז געוועזן דער מענש וואס האט געקענט הערויסשטעלען דיא
שטארקע זייטע פון א מענשענ׳ס חאראקטער,—דיא געדולד וועלכע האט לאנג גע־
שווינגען, אריבערגעטראָגען פיעלעס, און האט ענדליך געפלאצט—אום דעם מענשען
דאדורך צו פערשווארצען, אום צו בעווייזען דיא געמיינהייט פון זיין נאטור. שעקס־
פיער וועמעס זעעלע איז געוועזן אזוי ערהאבען, אזוי שטאָלץ, אזוי אמביציעז, און
הערש־זיכטיג, — שעקספיער וועלכער האט געזעהען מיט זיין גייסטיגער אויג קעניגע
זיך בוקענדיג צו איהם, און פיעלע דורות איהם פערגעטערענדיג — שעקספיער פון
וועמעס נשמה, פון וועמעס פאנטאזיע. אזוי פיעל העלדען, מענשען—ריעזען, קעניגע
טיראנען, הערשער, און פהילאָזאָפען זיינען ארויסגעשפרונגען, ארויסגעוואקסען, לע־
בעדיג און אטהמענד, וויא פון דעם שעפער׳ס האנד,—האט דיזער שעקספיער גע־
קענט פערדאממען א מענשען דאפיר וואס ער האט זיך ניט געלאָזט אימער קריכען

אויפ׳ן קאָפּ, און איז נעדולדיג געווען ביז א צייט?—דורכ־בלעטערענדיג עטליכע פון שעקספּיער׳ס ווערקע קען מען באלד זעהען וואס שעקספּיער האט געדענקט פון זיך, וואס פאר א קראפט, וואס פאר אן אויטאָריטעט ער האט אין זיך געפיהלט צו זאָגען וואס ער דארף, אויפצושטעהן פאר דער וועלט אלס שטראָפער און לעהרער, און וואס פאר א מיינונג ער האט געהאט וועגען אונטערדריקונג, מיט וואָס פאר אן אויג ער האט געקוקט אויף די „גרויסע", די הערשער, די קעניגע, פּרינצען און לאָרדען צווישען וועלכע ער האט אפט געלעבט, און וויא ער האט אין גרונד הארצען ניט איינגעשטימט מיט זייער אונגערעכטיגקייט, און אויסגעלאסענע מענשענ־פרעסעריי. און האט דיזער שעקספּיער געקענט ארויסשטעלען שאַילאק אזוי וויא ער האט איהם ארויסגעשטעלט, אום צו פערדאמען איהם און זיין ראססע דאפיר וואס ער האט זיך ניט געלאָזט אימער טרעטען מיט די פיס, אימער שפּייען אין באָרד, אימער פון זיך אָפּלאכען, און אימער געשטערט צו זיין אין זיינע געשעפטען? איז עס ניט לייכט צו פערשטעהן, דאס שאַילאק, וויא „האמלעט" וויא „קעניג ליער", „אָטהעללא", און נאך פיעלע אנדערע חאראקטערע וועלכע שעקספּיער האט געשאפען, איז א קינד פון זיין פאנטאזיע, פון זיין זעעלע, זיין אייגען בלוט און פלייש, איז א טהייל פון איהם? איז עס ניט לייכט צו פערשטעהן דאס דורך שאַילאק׳ס ליפּען רעדט שעקספּיער אליין, דער שעקספּיער וועלכער האט א לאנגע צייט געליטען ביז ער האָט זיך ערוואָרבען א נאָמען, וועלכער האט געליטען פיעלע ערניעדערינונגען און בעליידיגונגען פון די „גרויסע" און פון פאָלק,—וועלכען עס האט געקעהרט גרין־און־געל הערומקריכענדיג צוזאמען מיט די קליינע מענשען ווערימלאך, וועלכע זעהען ניט מעהר וויא ברעקלאך, און נאך קלענערע ברואים׳לאך וויא זיי זיינען,—דער שעקספּיער וועלכער האט פריהער געלעבט אין ארמוטה אין דער היים ביי די עלטערן, דאן צוגעהאלטען פערד, פאר די רייכע לאָרדען. און דזישענטעל־לייט וואס פלעגען קומען אין טהעאטער, און דאן געשטאַנען אויף דער ביהנע אלס שטומע פערזאָן, און דאן ערשט אנגעפאנגען צו ערווערבען זיך א נאמען דורך זיין שרייבען,—דער שעקספּיער וועלכער האט זיך געמאכט פאר א פּאַיאַץ פאר לארדען און גראבע פאלקס־יונגען וועלכע זיינען ניט ווערטה געווען דעם צוועקעל פון זיין פּאדעשווע,—וועלכער האט זיך אנגעליטען זאגאר זייענדיג גרויס,—אנגעליטען אלס אקטיאר, אלס דער מאן פון א פרוי וועלכע האט איהם ניט פערשטאנען, אלס צערטליכער, ליעבענדער מענש, אלס גרויסער דענקער, און פריי־געזונטער מענש,—דער שעקספּיער וועלכער איז גייסטיג געטראטען געווארען מיט די פיס? פיהלט איהר ניט דאס שעקספּיער, דער פריהער אונטערדריקטער, נאכהער זיך —

זעלבסט — בעפרייענדער מענש, מיט דער נעפלאצטער נעדולד, יעדם הערויס פון שיילאק'ס ליפען.

שײלאָק. סיניאר אנטאניא.

נאנץ אפט האט איהר אויף דער ריאלטא מיך
פערשפאט צוליעב מיין געלד און מ'ין פראצענט —
יך פלעג אלץ א קוועטש טהאן מיט דיא פלייצעס און
פערשוויינען, דען דולדען איז דער שטעמפעל פון
מיין פאָלק. אונגלויבינער, האלז-שניידער, הונד
רופט איהר מיך אן, איהר שפייט אויף מיין אידישע
קאפאטע, און דערפאר אלץ וויל איך ניץ
מיין איינגען געלד; נאנץ רעכט! יעצט וויזט עס זיך
הערויס, דאס איהר בענעטהיגט זיך אין מיר
אזוי, אזוי! — איהר קומט צו מיר און זאגט:
„שאילאק, מיר דארפען געלד!" איהר זאגט עס מיר, איהר,
וואס איהר האט מיר געשפיגען אין דער באָרד
און מיך פון אייער שוועל פערשטויסען וויא
מען שטויסט אוועק א הונגערינגען הונד.
געלד וויכט זיך אייך; וואס זאל איך איצטער זאגען?
זאל איך נים זאגען: האט א הונד געלד?
איז'ס מעגליך, דאס א הונד זאל לייה'ן דריי טויזענד
דוקאטען?" אדער זאל איך אפשר זיך
צו אייך יעצט בוקען מיט הכנעה, און
מיט א פערשטיקטען אטהעם, וויא א קנעכט,
שעפטשען צו אייך מיט אונטערטהעניגקייט:
„מיין ווערטהער הערר, פערגאנגענעם מיטוואך האט
איהר מיך בעשפיענען, יענעם טאג האט איהר
אויף מיר געטראטען מיט דיא פיס, נים לאנג
האט איהר מיך הונד גערופען, און דערפאר
וואס איהר האט מיר געציינט אזא מין עהרע,
וועל איך אייך לייהען וויפיעל נאר איהר דארפט?"

שאילאק ניעב אויף איהם אכטונג נעפעננניס-וועכטער.
רעדמיר ניט פון מיטלייד: דאס איז דאס דער נאר,
וואס האט נעליהען געלד גאר אהן פראצענט.
ניעב אכט אויף איהם, נעפעננניס וועכטער.

אנטאניא. הער מיך נאר רעדען, גוטער שאילאק.

שאילאק. איך וועל דעם אבמאך האבען. האסט מיך הונד
נערופען, איידער דוא האסט נאך נעהאט
אן אורזאכע; דאך, 'זוי וויא 'ך בין א הונד,
היט זיך פאר מיינע צייהן. מיך וואונדערט דוא
נאכלעסיגער נעפעננניס-וועכטער, וואס
דוא ליעבסט אזוי מיט איהם הערומצוגעהן
אויף זיין פערלאנג.

שאילאק איך וועל מיין אבמאך האבען: איך וועל וויעדער דיך
נים הערען רעדען. 'ך וועל מיין אבמאך האבען,
און דארום רעד ניט מעהר. איך וועל ניט ווערען
א זאנפטער, בלינדער נאר, שאקלען דעם קאפ,
נאכגעבען, זיפצען און זיך אונטערגעבען
צו קריסטליכע פערמיטלער. געה ניט נאך.
וואס טוינ מיר רעד? איך וועל מיין אבמאך האבען

רעדט נים אזוי א מאהל אין לעבען, אין דיא זעלבע, אדער אין עטוואס אנ־דערע ווערטער, יעדער אונטערדריקטער פערשפאטעטער און נעפייניגטער מענש? רעדט נים אזוי א מאהל דער ארבייטער צו זיין בעל הבית, דער ארימאן צום רייכען? האט דען נים ברוטוס אזוי גערעדט צו צעזאר ווען ער האט איהם הערייננע־שטאכען דעם שפיעז אין הארצען; האט דען ניט אמעריקא גערעדט אזוי צו ענגלאנד ווען זיא האט זיך בעפרייעט פון דער ענגלישער טיראניי?—אמת, שאילאק איז אפילו א פראצענטניק וועלכער גלויבט דאס מען מוז האבען אין זינען „פעסט צו פערבינדען אום פעסט צו נעפינען" אבער זיינען דען דיא איבריגע פערזאנען פון דער שטיק בעסער פון איהם אין דער הינזיכט? וואס זיינען זיי? שנאר־קערלען, ליידאקעס, ליידיג־נעהער א. ז. וו. און שטעלט זיי דען שעקספיער ארויס פאר פיינע

ליים? אנטאָניאָ שפייט אויף שאַילאָק אויף דער בערזע אין דער אנוועזענהייט פון אלע קויפלייט, לאַכט פון איהם, פון זיינע געשעפטען און זיין פאָלק, און אלעס פאַר וואס? דערפאר וויאס ער איז א איד! דאס טהוט ניט קיין מענש מיט פעסטע, עהרליכע, ליבעראלע אנזיכטען, און אויסער דעם זיינען אנטאָניא און זיינע איבריגע פריינד פונקט אזעלכע געלד־מאכער וויא שיילאָק איז; בעל־הבית׳ישע ליידינ־געהער וועלכע בּאָרגען געלד איינע פון דיא אנדערע אום עס צו פערשווענדען, לעבען א גוטען טאג, שנאָרען, הוליען און גיבען נים א קלאפּ א פינגער אָן א פינגער. דער אונטערשיעד פון זיי ביז איהם איז נעמליך דער, דאס זיי מאכען געלד דורך גע־שעפט, ד. ה. זיי נעהמען פּראָצענט אינדירעקט און ער מאכט געלד און נעהמט עס דירעקט אין פּראָצענט.—וואס איז דער חילוק? — איהר זעהט אלזא, ביי א גע־נויער אנאליזירונג פון דיא כאראקטערע, דאס שעקספּיער האט ניט געצייכענט דעם אידען אלס טייפעל און דיא קריסטען אלס מלאכים. דער מענש וועלכער שטעלט אונטער דיא צווייטע באק ווען מען פּאטשט איהם אָן איין באק איז א שמאטע. אמת, צו געהן אימער נאך דעם געזעץ פון „עין תחת עין," שן תחת שן" איז אויך נים קלוג; עס לוינט זיך אָפט ניט צו האבען צו טאהן מיט נקמה נעהמען, אבער ניט אימער איז גוט צו פערשוויינען. מען קען דאדורך פערלירען דיא איינענע צר קונפט און אינדירעקט שאדען אנדערע!

איך וואלט ראטהען דיא יענינע וואס האבען דאס ווערק אין ארינינאל נים געלעזען, טיכטיג דורכצולעזען און דורכצושטודירען דיא איבערזעצונג אום צו קענען אורטהיילען מיט פערשטאנד, אָהנע איבעראיילונג און אָהנע פאראורטהייל.

אכטונגספאָל,

י. באושאווער.

פערזאנען.

דער הערצאָג פון ווענעדיג.

דער פרינץ פון מאראָקקאָ
דער פרינץ פון אררא‌גאָן, } יונגע לייט, וואס שדכ'נען זיך צו פאָרציאַ'ן.

אנטאָניאָ, קויפמאַן פון ווענעדיג.

באססאניאָ, זיין פריינד, וועלכער שדכ'נט זיך אויך צו פאָרציאַ'ן.

סאָלאַניא,
סאַלארינאָ,
גראציאַנאָ,
סאַלעריאָ, } אַנטאָניאָ'ס און באָססאַניאָ'ס פריינד.

לאָרענצאָ, יעססיקא'ס געליעבטער.

שאַילאָק, אַ רייכער ייד.

תובל, אַ ייד, זיין פריינד.

לאַנצעלאָט גאָבבאָ, שאַילאָק'ס משרת.

דער אַלטער גאָבבאָ, זיין פאָטער.

לעאָנארדא, באַססאַניאָ'ס בעדיענטער.

בלשאצר,
סטעפאַנאָ, } פאָרציאַ'ס בעדיענטע.

פארציא, אַ רייכע יורש'טע פון בעלמאָנט.

נעריססא, איהר קאַמער-מעדכען.

יעססיקא, שאַילאָק'ס טאָכטער.

סענאַטאָרען פון ווענעדיג, בעאַמטע פונ'ם געריכטס הויף, געפענגניס-וועכטער, פאָרציאַ'ס און אנדערע בעדיענטע.

דיא האַנדלונג קומט פאָר טהיילוויז אין ווענעדיג און טהיילוויז אין בעלמאָנט.

ערסטער אקט.

ערסטע סצענע.

אַ גאַס אין װענעדיג.

(אַנטאָניאָ, סאַלאַרינאָ און סאַלאַניאָ טרעטען אויף.)

אַנטאָניאָ. איך װײס ניט, װירקליך װאָס איך בין אַזוי
פערדראָסען, ׳ס איז מיר שוין נמאס פונקט װיא אייך.
דאָך װיא ׳ך האָב מיר עס אנגענומען, און
פון װעלכען גוטען יאָהר עס קומט צו מיר,
פון װאָס פיר אַ מאַטעריע ׳ס איז געמאַכט,
פון װאָס דאָס שטאַמט — דאָס מוז איך ערסט דערגעהן.
דערװײל פערדרעהט עס מיר אַזוי דעם קאָפּ,
דאָס ׳ך װײס נאָך קוים װאו ׳ך בין איצט אין דער װעלט.

סאַלאַרינאָ. איהר זאָרגט צוליעב דעם ים? אייער קאָפּ איז דאָרט
װאו אײ׳רע שטאָלץ-בעזעגעלטע שיפען געהען
װיא דיא סיניאָרען אדער רײכע לײט,
אדער, זאָל זײן, װיא דיא פּאַראַדעס פון
דעם אָקעאַן, הערונטערקוקענדיג
מיט גאוה אויף דיא קלײנע סוחרים׳לאַך,
װאָס נײגען זיך צו זײ מיט עהרפורכט, װען
זײ שװעבען זײ פאַרבײ מיט זײערע
געװעבטע פליגלען.

סאַלאַניאָ. גלויבט מיר מײן הערר,
װאָלט איך געהאַט אַזעלכע שיפען דאָרט,
װאָלט מײן נשמה זײן מיט זײ אויפ׳ן ים.
׳ך װאָלט רײסען גראָז צו זעהן אין װעלכער זײט
עס בלאָזט דער װינד, איך װאָלט זיך גריבלען אין
לאַנד-קאַרטען אום צו זעהן װאו ׳ס געפינט
זיך יענער האַפען, אדער יענער װעג.

אוּן אַלעס וואָס וואָלט קענען סטראַשען מיין
פערמעגען מיט אַן אוּנגליק, וואָלט געוויס
מיך אוּמעדיג געמאַכט.

סאַלאַרינאָ. און איך, ווען ׳ך וואָלט בערעכענט וואָס
אַ שטורם-ווינד קען אַבטהאָן אויפ׳ן ים,
וואָלט מיך פערקיהלט אַ׳יסבלאָזענדיג מיין זופּ.
א קרעכץ פון זיינער — און עס וואָלט זיך מיר
געטראַכט פון פלאַכע ערטער; ׳ך וואָלט געזעהען
מיין רייכעס שיף הערייננעזעצט אין זאַמד,
זיין העכסטער זעגעל שטאַנג געבויגען ביז
צו דר׳ערד, פּונקט וויא אַן אַלטער מאַן וואָס האַלט
ביי׳ן שטאַרבען. הייגט אין קירכע, ווען
׳ך וואָלט זעהן דאָס הייליגע געביי פון שטיין
וויא וואָלט זיך מיר ניט טראַכטען פון א פעלז,
וואָס קען צושמעטערן מיין שוואַכעס שיף,
צושפּרייטען מיינע בּשמים אויפ׳ן ים,
איינוויקלען דיא צורוישטע כוואַליעס אין
מיין זיידענ-וואַרג און אין אַ רגע, מיט
איין ריהר, מיך מאַכען פיר אַ קבצן? מיינט
איהר, דאָס איך וואָלט עס אַלץ בעטראַכט
און ניט בערעכענט, דאָס אַזאַ מין סבּה וואָלט
מיך מאַכען אוּמעדיג? איך וויים אַנטאָניאָ
איז אוּמעדיג צוליעב זיין סחורה.

אַנטאָניאָ. גלויבט מיר, ניין.
מיין גאַנצע סחורה האָב איך דאַנקען גאָט
ניט אַנגעטרויט אַ שיף, אויך ניט איין אָרט.
מיין גאַנץ פערמעגען האָב איך היי-יאָהר אויך
ניט איינגעשטעלט אין קאָן; איך קען דערפאַר
צוליעב מיין וואַרע אוּמעדיג ניט זיין.

סאַלאַניאָ. טאָ מוזט איהר זיין פערליעבט.

אַנטאָניאָ. פע, פע!

סאַלאַרינאָ. פערליעבט אויך ניט? טאָ מוז איך זאָגען איהר

זייט טרויעריג ווייל איהר זייט ניט פרעהליך; און
עס וואלט אייך זיין גראד אזוי גרינג צו לאכען,
צו נעהן א טענצעל און זאגען איהר
זייט פרעהליך ווייל איהר זייט ניט אומעדיג.
בנאמנות, מאדנע בריאים האט דיא נאטור
בעשאפען: איינער זשמורקעט מיט דיא אויגען
און קוועלט פאר שמחה וויא א פאפאגיי
ווען ער דערהערט א דודע שפיעלענדיג;
א צווייטער האט א זויערעס געזיכט
און וואלט דיא צייהן ניט וויזען שמייכלענדיג
כאטש נאט אליין וואלט שווערען, דאס עס איז
כדאי צו לאכען פון דעם וויץ.

(באססאניא, לארענצא, און גראציאנא טרעטען אויף.)

סאלאניא. אט קומט באססאניא. אייער עדלער פעטער,
גראציאנא און לארענצא. זייט געזונד.
איך לאז אייך יעצט אין בעסערער געזעלשאפט.

סאלארינא. איך וואלט מיט אייך פערברייננען ביז איך וואלט
אייך אויפגעמונטערט ווען פיעל ווירדיגערע
פריינד וואלטען מיר ניט שטערען.

אנטאניא. גלויבט מיר, איך רעספעקטיר אייך זעהר שטארק;
וואהרשיינליך דארפט איהר נעהן צוליעב געשעפט
און ניצט אויס דיא געלעגענהייט צו נעהן.

סאלארינא. א גוטען טאג אייך, מיינע ווערטהע העררען

באססאניא. זאגט, טהייערע סיניארס, ווען וועלען מיר
א ביסעל לאכען? זאגט מיר ווען? — איהר ווערט
מיר עפעס מאדנע — מוז עס זיין אזוי?

סאלארינא. איך האף מיר וועלען זיך נאך טרעפען אין א פרייערע צייט.

(סאלארינא און סאלאניא אב.)

לארענצא. מיין הערר באססאניא' 'זוי וויא איהר האט זיך
בעגעגענט מיט אנטאניא'ן וועלען מיר
אייך ביידע אויף פערלאזען, נאר פערגעסט
ניט וואו מיר טרעפען זיך היינט מיטטאג צייט.

באססאניא. איך וועל שוין ניט פערגעסען.

גראַציאַנאָ. איהר זעהט אויס שלעכט, סיניאר אנטאניא.
איהר דענקט אביסעל צופיעל פון דער וועלט.
די יעניגע, וואס קויפען זיא מיט פיעל
זארג האבען פון איהר קיין הנאה ניט.
גלויבט מיר, איהר האט זיך וואונדערליך פערענדערט.

אנטאָניאָ. איך האלט די וועלט פיר וואס זיא איז, גראציאנא —
א ביהנע איז די וועלט, וואו יעדער מוז
א ראלע שפיעלען. און מיין ראלע איז
א טרויעריגע.

גראַציאַנאָ. איך וויל די ראלע פון דעם קאמיקער.
איך וויל מיך עלטערן אין לוסט און פרייד,
און ליעבער זאל מיין לעבער זיין דערהיצט
פון וויין איידער מיין הערץ זאל זיין פערקלעמט
פון שווערע קרעכצען. און פאר־וואס דען זאל
א מענש מיט הייסע בלוטען זיצען וויא
אן אויסגעשניצטער געץ פון שטיין? ווארום
פערשלאפען זיין, און קריגען פון קאפריז
די געלזוכט? — הער זיך צו אנטאניא
איך ליעב דיך, און מיין ליעבע רעדט עס יעצט, —
עס זיינען דא אזעלכע מענשען וועמע'ס
געזיכטער זיינען איבערגעצויגען מיט
א פליעווקע — וויא א שטעהענדיגעס טייכעל —
אבזיכטליך שטילע לייט, וואס שווייגען שטיל
בכדי די וועלט זאל מיינען, דאס זיי זיינען
שארפ־זיניג, קלוג און ערנסט. וויא זאגט מען דאס!
„איך בין אן אורים ותומים, אלעס וואס
איך זאָג איז הייליג." — אָ, אנטאניא'ך ווייס,
מען האלט זיי נאר דערפאר פיר קלוגע, וויל
זיי שווייגען שטיל, 'ך בין אבער זיכער, ווען
זיי וואלטען רעדען, וואלטען זיי ביינאה
פערדאמט די אויערן פון דעם, וואס וואלט

זיך צונעהערט צו זיי, דען מיט דער הילף
פון זיינע אויערן וואלט ער זאגען, דאס
זיי זיינען נארען. 'ך וועל אן אנדערש מאל
נאך רעדען וועגען דעם. וויל אבער ניט
מיט דיזען טרויריגען ווערימעל
כאפען די דומע פיש — 'ך מיין דיזע מיינונג.
נומער לארענצא, קום; דערווייל, אדיע.
איך וועל מיין דרשה ענדיגען נאך מיטטאג.

לארענצא. אלזא, מיר וועלען אייך ביז מיטאג-צייט
פערלאזען; 'ך מוז זיין איינער פון די זעלבע
שטום-קלוגע מענשען, דען גראציאנא לאזט
מיך גאר ניט רעדען.

גראציאנא. נו, זיי מיין חבר, נאך צוויי יאהר ווערסטו
דיין איינ'נע שטימע ניט דערקענען מעהר.

אנטאניא. אדיע, 'ך וועל ווערן א פלאפלער צוליעב דעם.

גראציאנא. א דאנק, בנאמנות; דען שווייגען פאסט גאר פיר גערויכערטע צונגען
און פיר פערזעסענע מיידלאך.

(גראציאנא און לארענצא אב.)

אנטאניא. האט דאס אויך א בעדייטונג?

באססאניא. אין גאנצען ווענעדיג איז נימא גראציאנא'ס גלייכען; דער קווינט
פון זיין דענקען איז וויא צוויי קערנדלאך תבואה בעהאלטען אין צוויי מעסטלאך
מעקענע, מען מוז זיי זוכען דעם גאנצען טאג, און ווען מען געפינט זיי זעהט מען
זיך הערום, דאס עס האט ניט געלוינט די מיה פונ'ם זוכען.

אנטאניא. אלזא, יעצט זאגט מיר ווער איז דאס די דאמע,
צו וועלכער איהר האט זיך פערפליכטעט געהן אין
נעהיים; איהר האט עס מיר פערשפראכען היינט.

באססאניא. 'ס איז אייך ניט אונבעקאנט, אנטאניא, וויא זעהר
איך האב געשעדיגט מיינע גיטער, וויל
איך האב געלעבט א ביסעל פרעכטיגער
וויא מיינע שוואכע מיטלען האבען מיר
ערלויבט. 'ך בעקלאג מיך ניט וואס איך קען יעצט

ניט לעבען אויף דער זעלבער גבירישער
מדרגה, נאר מיין גרעסטע זאָרג איז וויא
זיך אויסצודרעהען עהרליך פון דיא גרויסע חובות.
אין וועלכע זיין פערשווענדונגס-צייט האט מיך
געלאָזען שטעקען. אייך, אנטאָניאָ, בין
איך שולדיג מעהר וויא אלעמען — אי געלד,
אי ליעבע; און פון אייער ליעבע האָב
איך דיא פערזיכערונג, דאס איך מעג אייך יעצט
פערטרויען אלע מיינע פלענער, וואס
איך האב, וויא לויז צו ווערען פון דיא חובות.

אַנטאָניאָ. איך בעט אייך, פריינד באַססאַניאָ, לאָ'מיך וויסען.
און אויב דיא זאך איז עהרענווירדיג, וויא
איהר זיים אליין, קענט איהר זיין זיכער, דאס
מיין בייטעל, איך אליין און וויא פיעל איך
פערמאָג שטעהען אייך צו דיענסטען.

באַססאַניאָ. אלס יינגעל אין דער שולע, ווען איך האב
פערפעהלט צו טרעפען מיט א פייל אין ציעל,
האב איך הערויסגעשאָסען נאך א פייל
פונ'ם זעלבען גאנג און אין דער זעלבער זיים.
[י]ך האב בעסער אויפגעפאסט אום יענע צו
געפינען; און, ריזיקירענדיג זיי ביידע,
פלעג איך געפינען ביידע פיילען אפט.
איך גיב אייך דיזעס קינדער-ביישפיעל, ווייל
וואס איך וויל זאגען איז דיא ריינע אונשולד.
אייך קומט פון מיר א סך, און דאס וואס איך
בין שולדיג האב איך אויסגעבראכט וויא א
צוקאָז'נער יינגעל; אבער אויב איהר ווילט
נאָך שיעסען נאך א פייל אהינצו, וואו
איהר האט דיא ערסטע פייל געשאָסען, בין
איך זיכער דאס, גוט אכטונג געבענדיג,
[ו]על איך געפינען ביידע. טאָמער ניט,

ברייננ איך דיא ערסטע פייל צוריק, און פיר
דיא צווייטע בלייב איך דאנקבאר א בעל-חוב.

אַנטאָניאָ. איהר קענט מיך, דאכט זיך, גוט און ברייננט אויס צייט
מיט זייטינע רייד; און גאָר אָהן ספק טהוט
איהר מיר מעהר עולה צווייפלענדיג אין דעם
אויב איך וועל טהאָן פיר אייך אלץ וואס איך קען,
וויא איהר וואלט אויסגעבראכט מיין גאנץ פערמעגען.
זאגט מיר, אלזא וואס רעכענט איהר קען איך
יעצט טהאן, און 'ך וועל זיין גרייט דערצו — נו, רעדט!

באַססאַניאָ. אין בעלמאָנט וואוינט א רייכע יורש'טע;
און זיא איז שעהן, און — שעהנער נאך — זיא האט
נאָר גרויסע מעלות. 'ך האב פון איהרע אויגען
אמאל ערהאלטען ישעהנע, שטומע בשורות.
מען רופט זיא פאָרציאָ; אין יעדער הינזיכט דארף
זיא זיך ניט שעמען נעגען קאטאָ'ס טאָכטער,
און נעגען ברוטוס' פאָרציאָ: און זיא האט
א גרויסען נאמען אין דער ברייטער וועלט.
פון ארבע פנות עולם טראָגען זיך
צו איהר בעריהמטע יונגע חתנים; און
איהר האָר פון גאָלד'נע לאָקען העננט העראָב
אויף איהרע שלייפען וויא א גאָלד'נע וואָל.
איהר וואוינ-אָרט בעלמאנט איז וויא קאָלכי'ס שטראנד
און פיעלע יאזאָנס קומען זוכען זיא. *)
אה, מיין אַנטאָניאָ, וואלט איך נאָר געהאט
דיא מיטעל צו פערמעסטען זיך אין גלאנץ
און פאָמפ מיט איינעם פון דיא יונגע לייט —
זאגט מיר דיא הארץ אזוי צום גוטען, דאס
איך וואלט אהן צווייפעל מזל'דיג געווען.

אנטאָניאָ. דוא ווייסט, דאס אלץ וואס איך פערמאָג איז יעצט
אויפ'ן ים: 'ך האב ניט קיין סחורה, ניט קיין געלד,
צו שאפען יעצט דיא סומע. געה און זעה

*) יאזאָן איז א מיטהאלאָגישע פערזאָן. ער איז געווען דער ליעב-האָבער פון מעדעאָ.

וואס איין קרעדיט קען אויפטהאן אין ווענעדיג.
איך וועל מיך דאן אָנשטרענגען ביז דאס לעצט
אום דוא זאלסט קענען נעהען קיין בעלמאנט צו
דער שעהנער פּאָרציא'ן. — נעה ערקונדיג זיך,
וואו 'ס איז דא געלד — איך וועל עס אויך טהאן. איך
בין זיכער, דאס איך קריג עס נאך געבארגט.
מען וועט עס מיר נאך טהאן.

(ביידע אב.)

צווייטע סצענע.

בעלמאָנט, א צימער אין פּארציא'ס הויז.

(פּאָרציאַ און נעריססאַ, טרעטען אויף.)

פּאָרציאַ. אויף עהרענווארט, נעריססאַ, מיין קליינטשינקער איך איז שוין מיד פון דיעזער וועלט.

נעריססאַ. איהר וואלט עס קענען זאגען, גוטעס פריילין, ווען אייער שלים-מזל וואלט זיין גרעסער וויא אייער מזל. און דאך, וויא ווייט איך וויים, זיינען די יעניגע וואס פרעסען זיך איבער, אזוי קראנק וויא דיא, וואס נעהען אוים פון הונגער. עס איז דעריבער קיין קליינינקייט ניט צו בעלאנגען צום מיטעל-שטאנד; דער וואס לעבט אין איבערפלוס ווערט באלד גרוי, אבער דער וואס האט נאר זיין אויסקו-מענטס לעבט לענגער.

פּאָרציאַ. דאס זיינען גוטע ווערטער, גוט געזאגט.

נעריססא. גוט געפאלגט, וואלט זיין נאך בעסער.

פּארציא. אויב עס וואלט זיך געטהאן אזוי גרינג וויא עס רעדט זיך, דאן וואלטען פון קליינע קלויסטערס ווערען גרויסע קירכען, און פון דיא שטיבלאך פון דיא ארימע-לייט קעניגליכע פּאלאצען. דער גלח, וועלכער טהוט אליין דאס וואס ער הייסט טהאן אנדערע, איז אַ גוטער גלח. עס איז מיר גרינגער צו לערנען צוואנציג מענשען וואס עס איז גוט צו טהאן, איידער צו זיין איינע פון די צוואנציג, און פאלגען מיינע אייגענע לעהרען. דער מוח מעג אויסטראכטען געזעצע פיר דאס בלוט, אבער אַ היציגער קאפּ שפּרינגט העריבער איבער א קאלטעם געזעץ. אזא האָז איז דאס דיא משוגעת דיא יוגענד, זיא שפּרינגט העריבער איבער דעם געזץ

פון דער קריפעל דיא גוטע עצה. אבער מיין חכמ'ען זיך ווסט מיר נים העלפען אויסקלייבען זיך א חתן. „אויסקלייבען זיך א חתן!" ווינד איז מיר, נים איך קען אויסקלייבען דעם וואס איך וויל, נים איך קען ענטזאגען דעם וואס איך וויל נים. אזוי איז דער וויקען פון א לעבענדער טאכטער געבונדען דורך דעם וויכען פון א טוידטען פאָטער. זאָג, נעריססא, איז עס נים א וועהטאג וואס איך קען קיינעם נים אויסקלייבען און קיינעם נים ענטזאגען?

נעריססא. אייער פאטער איז געוועזען א גאָטס-פאָרכטינער מאַן, און פרוממע מענשען פאר'ן טוידט, זאגט מען, האבען גוטע בעגייסטערונגען; דארום וועט דיא לאָטעריי, וועלכע ער האט אויסגעקלערט אין דיא דריי קעסטלאך, — דיא גאָלדענע, דיא זילבערנע און דיא בלייענע, — זיין מזל'דיג, און זיכערליך וועט דער יעניגער, וואס וועט אייך אמת ליעבען, אויסקלייבען דאס ריכטיגע קעסטעלע, דורך וועלכעס ער וועט אייך קריגען פיר א פרוי. אבער וויא געפעהלען אייך דיא פירסטליכע יונגע לייט, וואס זיינען געקומען זיך שדכנ'ען צו אייך?

פארציא. איך בעט דיך, זאג מיר איבער זייערע נעמען, און וויא דוא וועסט זיי אָנרופען וועל איך זיי אָבשילדערן, און לויט מיין שילדערונג וועסטו פערשטעהן וויא איך ליעב זיי.

נעריססא. דער ערסטער איז דער נעאַפּאָליטאַנער פרינץ.

פאָרציא. דאס איז אן אמת'ער זרעבטשיק, דען ער האלט נאָר אין איין רע־דען פון זיין פערד, און ער האָט זיך גרוים מיט דעם וואס ער קען איהם אליין בעשמידען. איך האב מורא, דאס זיין עהרענ-ווירדיגע מוטער האָט אביסעל אונ־טערגעשטיפט מיט א שמיעד.

נעריססא. דער צווייטער איז דער גראף פון בעצירק.

פארציא. ער איז כסדר אָנגעבלאָזען; פונקט וויא ער וואלט געזאגט: „אויב איך געפעל אייך נים, האט איהר אייך א ברירה." ער הערט פריילינכע געשיכטען און שמייכעלט נים. זייענדיג אזוי מרה־שחורה אין דער יוגענד, האב איך מורא, דאס אויף דער עלטער וועט ער ווערען א וויינענדיגער פילאָזאָף. איך וועל ליעבער חתונה האבען מיט א מת וויא מיט איינעם פון זיי. זאָל מיך גאָט משמר ומציל זיין פוןביידען.

נעריססא. און וויא געפעלט אייך דער פראנצויזישער הערר, מאנסיער לע־באָן?

פארציא. אזוי וויא דיא נאַטור האט איהם שוין בעשאפען זאל ער אויף היי־סען מענש, ערנסט גערעדט, איך ווייס עס איז א זינד צו זיין א לץ, אבער ער! א

קליינינקייט ! ער האט א פערד, וואס איז נאָך בעסער וויא דעם נעאַ-פּאָליטאַנערס א בעסערע שלעכטע מידה פון אָנבלאָזען זיך וויא דער גראף פון בעצירק ; ער איז אלע און קיינער ניט. זינגט א פוינעל הייבט ער אָן שפּרינגען פאר שמחה ; ער וועט זיך נאָך פערמעסטען מיט זיין אייגענעם שאָטען. ווען איך זאל חתונה האבען מיט איהם וועט עס הייסען איך האב חתונה מיט צוואַנצינ מענער. וואלט ער מיך פער־אַכטעט דאן וואלט איך איהם מוחל זיין ; אבער ווען ער וואלט מיך אפילו געליבט ביז צום וואַהנזין וואלט איך איהם אויך ניט בעלוינט מיט זיין געגענליעבע.

נעריססא. וואס דענקט איהר וועגען דעם יונגען ענגלישען באראן פאל־קענברידזש ?

פאָרציא. דוא ווייסט, דאס וועגען איהם דענק איך גאָר ניט, דען ער פער־שטעהט מיך ניט און איך פערשטעה איהם ניט. ער פערשטעהט ניט קיין לאַטיי־ניש, ניט קיין פראַנצויזיש, און ניט קיין איטאליעניש ; און דוא קענסט פיר מיך עדות זאגען, דאס מיין גאנצע קענטניס אין דער ענגלישער שפּראַך איז ניט ווערטה א העלער. ער האט דיא תמונה פון אַן אמת'ן מענשען, אבער ליידער ! — ווער קען זיך אונטערהאלטען מיט א שטומער פיגורע ? — הײנט מאָדנע וויא ער געהט גע־קליידעט ! מיר דאכט, דאס ער האט געקויפט זיין רעקעל אין איטאליען, זיינע זאָ־קען אין פראַנקרייך, זיין היטעלע אין דייטשלאנד, און זיין סטאַטעק אין אלע מקומות.

נעריססא. און וויא געפעהלט אייך דער שאָטלענדישער לאָרד, זיין נאָכבאַר ?

פאָרציא. ער האט דיא גוטהערצינקייט פון א שכן ; דען ער האט געליעהען ביי דעם ענגלענדער א זעץ אין אויער און האט געשוואָרען איהם אבצוצאהלען ווען ער וועט קענען ; איך גלויב, דאס דער פראנצויז האט פיר איהם ערב געווען, און האט זיך אונטערגעשריעבען אויף א צווייטען זעץ.

נעריססא. און וואס זאגט איהר צו דעם יונגען דייטש, דעם זאַקסישען הער־צאָג'ס פּליעמעניק ?

פאָרציא. ער איז זעהר אבשייליך אין דער פריה, ווען ער איז ניכטער ; און העכסט אבשייליך נאָך מיטטאָג, ווען ער איז אַם בעסטען איז ער א ביסעל ערגער פון א מענשען ; ווען ער איז אַם בעסטען איז ער עפּעס, עפּעס בעסער וויא א חיה. מעג זיין וואס עס וויל, איך האָף, דאס איך וועל פון איהם פּטור ווערען.

נעריססא. און וויא וואלט געווען ווען ער וואלט זיך אנגעשלאָגען צו קלייבען און וואלט אויסגעקליעבען דאס ריכטינע קעסטעלע, דאן וואלט איהר דאָך ניט ער־פילט דעם ווילען פון אייער פאָטער ווען איהר וואלט איהם ענטזאָגט.

פארציא. און אום אזא גרויסעס אונגליק צו פערהיטען, בעט איך דיך, נע־ריססא, שטעל אניערער א גרויסעס גלאז רהיין ווין אויף דעם פאלשען קעסטעל; דען ווען דער טייוועל אליין זאל זיין אינוועניג און אזא יצר־הרע פון דרויסען, בין איך זיכער, דאס ער וואלט עס אויסגעקליעבען. איך וועל טהאן אלעס, נעריססא, איידער חתונה האבען מיט א שכור.

נעריססא. איהר האט זיך ניט וואס צו שרעקען; קיינער פון דיא געסט וועם אייך ניט אנקומען. זיי האבען מיר געזאגט, דאס זיי האבען זיך בעשלאססען צוריק צופאהרען אהיים און אייך ניט מעהר צו בעלעסטיגען מיט זייער שדכנ'ען זיך צו אייך, סיידען מען קען אייך געווינען דורך עטוואס אנדערש וויא דורך דאס אויס־קלייבען פון דעם קעסטעלע, וועלכעס אייער פאטער האט פארגעשריעבען.

פארציא. ווען איך זאל אפילו אזוי אלט ווערען וויא סיבילא, וועל איך דאך שטארבען אזוי ריין וויא דיאנא; סיידען מען וועט מיך נעהמען אויף דער ארט וויא מיין פאטער'ס צוואה זאגט. מיך פרייט וואס דיזעס פעקעל חתנים האט נאך אזוי פיעל שכל; דען עס איז ניטא איינער צווישען זיי, וועלכען איך האב ניט האלט פון ווייטען, הלואי זאלען זיי זיך גיהן געזונדערהייד!

נעריססא. געדענקט איהר נאך, פרייליין, נאך פאר אייער פאטער'ס לעבען, איינעם פון ווענעדיג, א יונגען געלעהרטען און קאוואליער, וועלכער איז אהער גע־קומען צוזאמען מיט דעם מארקיז פאן מאנטפעררראט?

פארציא. יע, יע, דאס איז געוועזען באססאניא; איך גלויב אזוי האט מען איהם גערופען.

נעריססא. גאנץ ריכטיג פרייליין; מעהר פון אלע מענער, אויף וועלכע מיינע נארישע בליקען האבען ווען עס איז געקוקט, פערדיענט ער צו הייראטהען א שעהנע פרוי.

פארציא. איך געדענק איהם זעהר גוט; און געדענק אויך, דאס ער פער־דיענט דיין לויב.

(א בעדיענטער טרעט אויף.)

וואס ווילסטו זאגען?

בעדיענטער. דיא פיר פרעמדע זוכען אייך, גנעדיגעס פרייליין; זיי ווילען פון אייך נעהמען אבשיעד; אויך איז געקומען א שליח פון א פינפטען, — פונ'ם פרינץ פון מאראקקא,— אנזאגען, דאס זיין הערר, דער פרינץ, וועט דא זיין היינט ביינאכט.

פארציא. ווען איך וואלט דעם פינפטען קענען זאגען „וויקלאמען" מיט אזא

נוט הארץ וויא איך וועל זאָגען די איבעריגע פיער „פאָהרט געזונד“, דאַן וואלט איך מיך געפרייט מיט זיין קומען. אויב ער האט דעם גייסט פון א הייליגען און דיא צורה פון א טייוועל, וואלט איך ליעבער וועלען ער זאל רייניגוואשען פון זינד מיין לייב איידער מיך צו נעהמען פיר א ווייב. נעריססא, קום! —

דוא יונגער מאַנטשיק, געה פאָראויס.

איך האב קוים צייט איין חתן צו בעגלייטען,

הער איך אין טהיר דאס קלאַפּען פון א צווייטען.

(אלע אב.)

דריטע סצענע.

ווענעדיג, אן עפענטליכער פלאַץ.

(באַססאניא און שאילאָק טרעטען אויף.)

שאילאָק. דריי טויזענד דוקאטען, רעכט.

באססאניא. אויף דריי מאנאַטען.

שאילאק. אויף דריי מאנאַטען, רעכט.

באססאניא. פיר וועלכע, וויא איך האב געזאגט, אנטאניא וועט גוט זאגען.

שאילאָק. אנטאניא וועט ערב זיין, רעכט.

באססאניא. קענט איהר מיר אויסהעלפען? וועט איהר מיר טהאן דעם געפאלען? קען איך וויסען אייער ענטפער!

שאילאָק. דריי טויזענד קאַטען, אויף דריי חדשים, און אנטאניא וועט ערב זיין: רעכט.

באססאניא. איך וויל א תשובה.

שאילאָק. אנטאָניא איז א גוטער מענש.

באססאניא. האט איהר געהערט עפעס שלעכטעס וועגען איהם?

שאילאָק. ניין, ניין, ניין ניין; ווען איך זאג, דאס ער איז א גוטער מענש, מיין איך, פערשטעהט איהר מיך, דאס ער איז גוט געלד. אבער וועגען זיין פערמעגען קען מען יעצט דענקען אי אזוי, אי אזוי: איין שיף זיינע געהט אצונד קיין טריפאָליס, א צווייטעס קיין אינדיען. איך האב אויך געהערט אויף דער ריאלטאָ, דאס א דריטעס שיף זיינס איז אין מעקסיקאָ, א פערטעס אין ענגלאנד — און אזוי האט

ער נאָך עטליכע שיפען צושפּרייט אויפ'ן ים. אבער שיפען זיינען נאָר ברעטער, מאטראזען זיינען נאָר מענשען; עס זיינען דאָ לאנד-מייז און וואסער מייז; לאנד-גנבים און וואסער-גנבים — איך מיין זעע-רויבער; א חוץ דעם איז דיא געפאהר פון וואסער, ווינד און פעלזען. פון דעסטוועגען איז ער א בטוח; דריי טויזענד דוקאטען, איך גלויב איך קען זיין וועקסעל אננעהמען.

באססאניא. איהר מעגט זיין זיכער, דאס איהר קענט.

שאילאק. איך וויל זיין זיכער דאס איך מעג אום צו קענען זיין זיכער וועל איך מיר איבערלייגען קען איך רעדען מיט אנטאָניאָן.

באססאניא. אויב איהר ווילט מיט אונז עסען מיטטאג.

שאילאָק. וויא? שמעקען חזיר און עסען אין דעם הויז, אין וועלכען אייער נביא, דער משיח, האט הערייננעשיקט דעם טייוועל? — 'ך וועל האנדלען מיט אייך און וואנדלען מיט אייך, 'ך וועל ריידען מיט אייך און געהן מיט אייך, און אזוי בסדר; אבער איך וועל ניט עסען מיט אייך, ניט טרינקען מיט אייך און ניט דאוונען מיט אייך. — וואס הערט זיך אויף דער ריאלטאָ? — ווער קומט דאס דאָ? —

(אַנטאָניאָ טרעט אויף.)

באַססאַניאַ. דאָס איז סיניאָר אנטאָניאָ.

שאַילאָק. (אין אַ זייט) פונקט וויא א חונף א סבאָרשטשיק זעהט ער אויס! איך האס איהם, ווייל ער איז א קריסט;
און מעהרער נאָך פאר וואָס, ניט ווייסענדיג
פון קיין המצאות, ניט ער געלד נאָר אהן פראָצענט
און שלאָגט אונז אונטער דאס פראָצענט-געשעפט
דאָ אין ווענעדיג. אויב איך וועל איהם ווען
דערטאפּען, וועל איך שוין גוט זעטיגען
מיין אלטען האס צו איהם. ער האסט מיין פאָלק.
און דאָרט, וואו אלע קויפלייט קומען זיך
צונויף, לאכט ער פון מיר, מיין האנדעל און
מיין כשר'ען פערמעגען, וואס ער רופט
פּראָצענט — פערפלוכט זאל זיין מיין פאָלק, אויב 'ך וועל
איהם מוחל זיין! —

באַססאַניא. שאילאָק, איהר הערט?

שאילאָק. איך רעכען איבער יעצט מיין באארעס געלד
און אוננעפעהר לויט מיין זכרון קען
איך אייך דיא גאנצע סומע פון דריי טויזענד
רוקאטען גלייך ניט שאפען, אבער 'ס מאכט

נים אום ; תובל, א רייכער ייד, וועט מיר
שוין שאפען. — נאָר רוהיג ! — אויף וויא פיעל מאנאט
ווילט איהר דאס געלד ? בלייבט רוהיג.

(צו אנטאָניא)

איך האב פון אייער געעדיינקייט נאָר וואס
געהערט.

אנטאָניא. שאילאק, אבוואהל איך גיב ניט, און איך נעהם
קיין געלד ניט אויף פראצענט, דאך וועל איך,
אום א פריינד צו העלפען אין א גרויסער נויטה,
דאס מאל א מנהג ברעכען, ווייס ער פיעל
איהר ווילט ?

שאילאָק. יע, יע, דריי טויזענד דוקאטען.

אנטאָניא. אויף דריי מאנאטען

שאילאָק. אויף דריי מאנאטען האט איהר מיר געזאגט
ך האב גאר פערגעסען. — אלזאָ, אייער וועקסעל !
און לאָ'מיך זעהן — נאר הערט זיך צו ; מיר דאכט
איהר האט געזאגט איהר גיט ניט און איהר נעהמט
קיין געלד ניט אויף פראצענט ?

אנטאָניא. איך טהו דאס קיין מאל ניט

שאילאָק. ווען יעקב האט געפיטערט לבן'ס שאָף, —
יעקב, אברהם אבינו'ס אייניקעל,
וואס איז געוועזן זיין דריטער יורש. ווייל
זיין קלוגע מוטער האט זיך דארט פיר איהם
הערייננעמישט — יע, יע, דער דריטער —

אנטאָניא. אלזאָ, פלעגט ער אויך נעהמען וואוכער ?

שאילאָק. ניין,
דאס גראָדע ניט ; דאס הייסט, ניט קיין פראצענט
וואס איהר רופט אָן פראצענט הערט זיך נאָר צו
ואס יעקב האט געטהאן. ווען לבן איז
מיט איהם צורעכט געקומען, דאס דיא שאָף,
וואס וועלען זיין געפינטעלט און געפלעקט
זאל יעקב'ן געהערען, האט דער קלוגער פאסטוך,

זיך אבגעשיילט אזעלכע שטעקעלאך,
און, ווען דיא רייפע שעפּסען האבען זיך
געפּאָרט מיט דיא בּאַראַנעס ענדע הערבסט
און זיינען דאַן געוואָרען טראָגעדיג,
האט ער דיא שטעקעלאך הערייננעשטעקט
דאָרט, וואו דאס טראגעדיגע שאָף פלעגט זיך
און, אין דער צייט פון האבען זיינען אל
דיא לעמעלאך געוועזן געפּינטעלט און
געפלעקט און האָבען יעקב'ן געהערט
דאס איז געוועזן אן איינפאל וויא צו ווערט
געהויבען, און ער איז געוועזן געבענטשט.
פערמעגען איז א ברכה ווען מען לעבט
עס נאָר ניט אָן פון גנבה.

אַנטאָניאָ. 'ס איז געוועזן
א גליק, פיר וועלכעס יעקב האט געדיענט.
עס האט זיך נים געווענדעט אָן איהם אליין,
אזוי האט גאָט געוואָלט און 'ס איז געשעהען.
ווילט איהר דערמיט רעכטפערטיגען פּראָצענט?
און איז דען אייער גאָלד און זילבּער גלייך
צו שעפּסען און בּאַראַנעס?

שאילאָק. 'ך וויים עס נים;
איך לאָז זיי אבער מעהרען זיך 'זוי גיך
וויא יעקב'ס שאָף. — נאָר מערק דיר, סיניאָר —

אַנטאָניאָ. הער נאָר, בּאַססאַניאָ, וויא דער טייוועל קען
בריינגען א פּסוק ווען איהם פּאסט צום ענין.
א בייז נעמיטה, וואס גיט אויף הייליגע
בעווייזע, איז געגליכען צו א שורקע,
וואס האט א זיסע צורקע, אָדער צו
א שעהנעם עפּעל מיט א פוילע הארץ.
וויא שעהן דיא פאלשקייט זעהט פון דרויסען אוים!

שאילאָק. דריי טויזענד דוקאטען, 'ס איז א היבשע סומע;
אויף דריי מאָנאטען — דריי פון צוועלף — לאָ'מיך

נאָר זעהן וויא פיעל דאס בריינגט.

אַנטאָניאָ. נו, שאילאק, וועלען מיר דיר דארפען דאנקען?

שאילאָק. סיניאר אנטאניא.

גאנץ אפט האט איהר אויף דער ריאלטא מיך
פערשפאט צוליעב מיין געלד און מיין פראצענט —
'ך פלעג אלץ א קוועטש טהאן מיט דיא פלייצעס און
פערשווייגען, דען דולדען איז דער שטעמפעל פון
מיין פאלק. אונגלויבינגער, האלז-שניידער, הונד
רופט איהר מיך אן, איהר שפייט אויף מיין יידישע
קאפאטע, און דערפאר אלץ ווייל איך ניץ
מיין אייגען געלד; גאנץ רעכט! יעצט וויזט עס זיך
הערויס, דאס איהר בענעטהיגט זיך אין מיר
אזוי, אזוי! — איהר קומט צו מיר און זאגט:
„שאילאק, מיר דארפען געלד!" איהר זאגט עס מיר, איהר,
וואס איהר האט מיר געשפיגען אין דער באָרד
און מיך פון אייער שוועל פערשטויסען וויא
מען שטויסט אוועק א הונגערינגען הונד.
געלד וויכט זיך אייך; וואס זאל איך איצטער זאגען?
זאל איך ניט זאגען: האט א הונד געלד?
איז'ם מעגליך, דאס א הונד זאל לייה'ן דריי טויזענד
דוקאטען?" אדער זאל איך אפשר זיך
צו אייך יעצט בוקען מיט הכנעה, און
מיט א פערשטיקטען אטהעם, וויא א קנעכט,
שעפטשען צו אייך מיט אונטערטהעניגקייט:
„מיין ווערטהער הערר, פערגאנגנ'נעם מיטוואָך האט
איהר מיך בעשפיענען, יענעם טאג האט איהר
אויף מיר געטראטען מיט דיא פיס, ניט לאנג
האט איהר מיך הונד גערופען, און דערפאר
וואס איהר האט מיר געצייגט אזא מין עהרע,
וועל איך אייך לייהען וויפיעל נאר איהר דארפט?"

אַנטאָניאָ. איך וואלט דיך קענען ווידער רופען הונד,
בעשפייען דיך און טרעטען מיט דיא פיס.

ווילסטו אונז לייהען דיזע סומע געלד,
מא לייה עס ניט וויא דיינע פריינד; דען ווען
האט פריינדשאפט פון א פריינד פערלאנגט פראצענט
פיר אונפרוכטבארעס גאלד? ניין, ליעבער לייה
דאס געלד וויא דיינע פיינד, דען ווען עס קומט
אן דער טערמין און מיר בעצאהלען ניט.
וועסטו מיט מעהר עזות קענען אונז
פערקלאגען.

שאילאק. זעהט וויא איהר זייט געווארען אויפגערעגט:
איך וויל אייך טהאן א טובה וויא א פריינד,
איך וויל דיא שאנד פערגעסען, וואס איהר האט
מיר אנגעטהאן און שאפען אייך דאס געלד
נאר אהן א העלער וואוכער, און איהר ווילט
מיך נאר ניט הערען. וואלט איך דאן צו אייך
ניט פריינדליך זיין?

אנטאניא.ווירקליך איהר וואלט זיין פריינדליך.

שאילאק. און דיזע פריינדשאפט וועל איך אייך ווייזען, קומט
מיט מיר צו א נאטאריוס, חתמ'עט זיך
אויף אייער וועקסעל און, אויב איהר בעצאהלט
ניט פינקטליך צום בעשטימטען טאג, אויף דעם
בעשטימטען ארט, לויט וויא אין וועקסעל שטעהט,
פערשרייבט מיר אויף קאמאוועס, דאס איך מעג
אויסשניידען דאן א פונט פון אייער פלייש,
פון וועלכען טהייל פון קערפער מיר איז ליעב. —

אנטאניא. גוט, בנאמנות; 'ך וועל מיך אונטערשרייבען, און
נאך זאגען, דאס איהר זייט א גוטער מענש.

באססאניא. ניין, אויף אזא מין וועקסעל וויל איך ניט
איהר זאלט זיך פיר מיך אונטערשרייבען; 'ך וועל
שוין ליעבער בלייבען אין מיין נויטה.

אנטאניא. וואס האסטו מורא מענש? 'ך וועל ניט פערשפיעלען.
אין דיעזע צוויי מאנאטען, 'ס הייסט נאך מיט
א מאנאט פאר'ן טערמין, ערווארט איך נאך

צעהן מאל אזוי פיעל געלד וויא עס בעטרעפט
דער וועקסעל.

שאילאָק. רבותא דעלמא כולא, וואס
ריא זיינען! זייער אייגענע
האַרט-הערציגקייט לערנט זיי פערדעכטיגען
דעם צווייטען. זאגט מיר נאָר, איך בעט אייך, וואס
וועל איך דען האבען ווען איך קלאָג אייך אן?
איהר ווייסט, דאס מענשען-פלייש איז ניט אזוי
פיעל ווערטה, און איז ניט אזוי ניצליך וויא
דאס פלייש פון קיה, פון אָקסען, אדער ציעגען.
איך וועל דערמיט געווינען אייער חן,
ווילט איהר, איז רעכט. אויב ניט — טאָ זייט געזונד;
און טהוט מיר ניט אונרעכט פיר מיין ליעבע.

אנטאניא. יע שיילאָק, 'ך וועל מיך אונטערשרייבען אויף דעם וועקסעל.

שאילאק. טאָ טרעפט מיך ביים נאָטאריוס גלייך,
און שרייבט זיך אונטער אויף דעם שפאסיגען וועקסעל.
איך וועל נעהן שוין איינפאקען דיא דוקאטען,
א קוק טאהן אויף מיין וואוינונג, וועלכע איך
האב אנגעטרויט א קנעכט, א ביטרען יונג,
און אין א רגע בין איך דאָ צוריק.

אנטאניא. געה נאָר געשווינד, מיין ליעבער ייד. (שאילאָק אב.) דער ייד
וועט זיך נאך טויפען; ער ווערט פריינדליכער.

באססאניא. איך האב א שורסע אין זיין פריינדליכקייט.

אנטאניא. קום, קום; איך זעה גאר ניט קיין שלעכטס דערין.
מיין סחורה קומט א מאנאט פאר'ן טערמין.

(ביידע אב.)

עג"ע פון ערסטען אקט.

צווייטער אקט.

ערסטע סצענע.

בעלמאָנט. א צימער אין פּאָרציאַ'ס הויז.

(עס טרעטען אויף דער פּרינץ פון מאַראָקקאָ מיט זיינע בעגלייטער, פּאָרציאַ, נעריססאַ, און אנדערע בעדיענטע.)

מאָר. ניט האַב מיך פיינד צוליעב מיין אנגעזיכט.—
דאס איז דער פינסטערדינער אָנצוג פון
דער אבגעגלאַנצטער זון: איך וואוין און האַב
מיך אויפגעהאָדעוועט ניט וויט פון איהר.
ברענג מיר דעם שעהנסטען מאַן פון צפון זייט,
וואו קוים דיא פייערדיגע ליכטיגקייט
צושמעלצט דיא ליכטלאַך אייז, און לאָמיר זיך
איינשניידען צוליעב אייער ליעבע, צו
בעווייזען, וועמעס איז דאס רויטהסטע בלוט
מיינס אָדער זיינס. איך זאָג דיר, פריילין, מיין
געשטאַלט האט אבגעשראָקען העלדען שוין.
'ך שווער ביי מיין ליעבע, אויך דיא עדעלסטע
יונגפרויען פון מיין לאַנד האבען עס געליעבט.
'ך וואָלט ניט פערביטען דיעזע פאַרב, אויסער
צו גנב'ענען דיא סודות פון דיין הערץ, מיין עדלע קעניגין.

פּאָרציאַ. ווען 'סקומט צום קלייבען, פאָלג איך ניט אליין
דיא פיינע עצה פון א מיידעל'ס אויג.
און, אויסערדעם, גיבט מיר דיא לאָטעריע
פון מיין שיקזאל דאס רעכט ניט פרייוויליג
צו קלייבען. אבער ווען מיין פאטער וואלט
מיך ניט פאַראיינגט, און איינגעדריקט דאדורך,
וואס איך מוז זיין דיא פרוי פון דעם, וואס וועט

מיך נעהמעו לויט דעם מיטעל, וועלכער איז
אייך שוין בעקאנט, וואָלט איהר, נעעהרטער פּרינץ,
נעוועזען פאַר מיין ליעבע דאַן ׳זוי שעהן
וויא אירגענד ווער פון דיא נעקומענע,
וואס איך האב ווען נעזעהן.

מאָר. זאָגאַר דערפאַר בעדאנק איך אייך.
דרום פיהרט מיך, ביטע, צו דיא קעסטלאך,
צו זעהן, וויא מזל׳דיג איך בין. איך שווער
ביי דיזען שווערד, וואס האט דעם סאָפיער און
א פערזיער פּרינץ נעטוידט; וואס האט דריי מאָל
דעם סולטאַן סאָלימאַן בעזיענט, איך וואָלט
נעקוקט נאך ווילדער, וויא דאס ווילדסטע אויג,
׳ך וואָלט וויא דער מוטהיגסטער זיין מוטהיגער,
דיא זייגעדיגע בערעלאך וואָלט איך
אוועקגעריסען פון דער מוטער׳ס ברוסט
יא, ׳ך וואלט דעם לויב פערשפּאָטען, ווען ער ברומט,
דיך, פריילין, צו נעווינען. אבער, אך!
ווען הערקולעס און ליקאס שפּיעלען זיך
אין ביינדלאך ווארפען, אום צו זעהען ווער
עס איז א בעס׳רער שפּיעלער, קען דורך גליק
דיא שוואכ׳רע האנד גאָר טהאָן א בעס׳רען וואָרף.
׳זוי ווערט אלסידעס פון זיין פּאַזש בעזיענט;
אזוי קען איך, נעפיהרט פון בלינדען גליק,
אנווערען דאס, וואס איינער, וועלכער שטעהט
פיעל ניעדריגער פון מיר קען קריגען, און
פאַר וויהטאג שטאַרבען.

פּאָרציאַ. איהר מוזט צופריעדען זיין אַזוי וויא ׳ס מאכט זיך,
און, אדער גאר ניט פּרובע׳ן קלייבען, אדער
צו שווערען פאַר׳ן קלייבען, דאס איהר וועט
שוין מעהר ניט רעדען וועגען הייראטה מיט
א פריילין, אויב איהר קלייבט ניט ריכטיג אוים. טאָ לאזט זיך ראטהען.

מאַר. איך וועל עס מעהר ניט טהאָן. קומט, פיהרט מיך צו מיין מזל.

פאָרציאַ. צוערסט אין טעמפעל, און נאך מיטאג וועט
איהר זעהען, וויא עס וועט אייך גליקען.

מאַר. אלזאָ, אין א גוטער שעה,
געבענטשט, אָדער פערפלוכט צו ווערען דאָ.

(אלע אב.)

צווייטע סצענע.

א גאס אין ווענעדיג.

(לאַנצעלאָט גאָבבאָ, טרעט אויף.)

לאַנצעלאָט. געוויס, מיין געוויסען ה'עט מיר העלפען אנטלויפען פון דעם יידען מיין בעל הבית. דער שטן איז הינטער מיין פלייצע און רעדט מיר איין; זאגענדיג צו מיר; „גאָבבאָ, לאַנצעלאָט גאָבבאָ, גוטער לאַנצעלאָט, אדער גוטער גאָבבאָ, נעהם דיא פיס אין דיא הענד, און נעהם און לויף אוועק.“ מיין געוויסען זאגט מיר: „ניין, זעה זיך הערום, עהרליכער לאַנצעלאָט; גיב אכטונג, עהרליכער גאָבבא, אדער,“ וויא איך האב פריהער געזאגט, „עהרליכער לאנצעלאט גאבבא; לויף ניט, פע, לויפען מיט דיא פיאטעס“ אלזא, דער מוטהיגסטער שטן הייסט מיר זיך אבטראגען. „היידא!“ זאגט דער שטן, „אוועק!“ זאגט דער שטן, „אום גאטעס ווילען; קריג מעהר מוטה,“ זאגט דער שטן, „און לויף.“ אלזא, מיין געוויסען, האלטענדיג מיין הערץ ביי דער פאלע, זאגט מיר וויא א חכם; „מיין עהרליכער פריינד לאַנצעלאט, אזוי וויא דוא האסט א טאטען אן עהרליכען מאן“ אדער, ליעבער, אן עהרליכע פרוי פאר א מאמע.“ דען, דעם אמת זאגענדיג, איז מיין טאטע געוועזען א ביסעל קלעפעדיג, האט

נעהאט א שטיקעל ביי־נעשמאק; — אלזא, מיין
נעוויסען זאגט: „לאנצעלאט, ווער ניט שוואך.“ „ווער
שוואך,“ זאגט דער שטן. „ווער ניט שוואך,“ זאגט מיין
נעוויסען. נעוויסען, זאג איך, דיין עצה איז א
גוטע; שטן, זאג איך, דיין עצה איז א גוטע.
זיך לאזען רעגיערען פון מיין נעוויסען, הייסט עס
פערבלייבען מיט דעם יידען מיין בעל הבית,
וועלכער איז, (זאל מיר גאט מוחל זיין דיא רעד!) אן
ארט טייוועל; און אוועגלויפען פונ'ם יידען וועט עס
הייסען זיך לאזען רעגיערען פון שטן, וועלכער איז
(איך בעט אייך במחילה) דער טייוועל אליין. געוויס,
דער ייד איז דער טייוועל אליין אין בלוט און פלייש;
און, אויף מיין נעוויסען, מיין נעוויסען איז עפעס
א שלעכטער נעוויסען, וואס ער וויל מיר ראטהען צו
פערבלייבען מיט דעם יידען. דער שטן גיבט מיר
שוין א פריינדליכערע עצה; איך וועל לויפען,
שטן; מיינע פיאטעס שטעהן דיר צום בעפעהל;
איך וועל לויפען.

(דער אלטער גאבבא טרעט אויף מיט א קערבעל.)

גאבבא. מיין הערר, יונגער הערר, איהר, איך בעט אייך,
וויא נעהט מען דא צוא דעם הערר'ען יידענ'ס הויז?

לאנצעלאט. (אן א זייט) גאט אין הימעל, דאס איז דאך מיין
אמת'ער, לייבליכער טאטע! ער איז אפילו ניט
אין גאנצען בלינד, אבער דאך
בלינד, און דערקענט מיר ניט. איך וועל מיך מיט
איהם אביסעל גלייכווערטלען.

גאבבא. מיין הערר, יונגער הערר, איך בעט אייך, וויא
נעהט מען דא צום הערר'ען יידענ'ס הויז?

לאנצעלאט. ביים נעקסטען ווינקעל פערקרימט זיך רעכטס; אבער
ביי דעם סאמע נעקסטען ווינקעל פערקרימט זיך
לינקס; פערשטעהט איהר מיך, נאר ביי דעם ערסטען
ווינקעל פערקרימט זיך ניט רעכטס און ניט לינקס,

נאר דרעהט זיך אויס ניט — אחין — ניט — אהער
פונקט צום יידענ'ס הויז.

גאָבבאָ. בנאמנות, דאס איז פאַלנ־מיר א נאנג. קענט איהר
מיר זאָגען, אוב איינער לאַנצעלאָט, וועלכער האלט זיך
אויף ביים יידען, וואוינט נאָך ביי איהם אָדער ניט?

לאַנצעלאָט. רעדט איהר פון דעם יונגען הערען לאַנצעלאָט? — (אין א זייט)
יעצט ניבט אכטונג, יעצט מאַך איך א נעפילדער;
(לויט) רעדט איהר פון דעם יונגען הערען לאַנצעלאָט?

גאָבבאָ. דאס איז קיין הערר ניט, מיין הערר, נאָר אן אָרימער יינגעל:
זיין טאטע איז, כאָטש איך זאָג עס, אן עהרליכער,
זעהר גרויסער אָרימאן: און, דאנקען גאָט, עס געהט
איהם גאנץ גוט.

לאַנצעלאָט. אלזא, וואָס ארט עס מיך, וואס זיין טאטע איז:
מיר רעדען דאָ פון דעם יונגען הערן לאַנצעלאָט.

גאָבבאָ. פון אייער גנעדינקייט'ס פריינד, און פון לאַנצעלאָט,
מיין הערר.

לאַנצעלאָט. אָבער איך בעט אייך, אלטער מאן, בכן, איך בעט
אייך, בכן: רעדט איהר וועגען דעם יונגען הערן
לאַנצעלאָט?

גאָבבאָ. פון לאַנצעלאָט, מיין הערר.

לאַנצעלאָט. מילא בכן, פון דעם יונגען הערן לאַנצעלאָט: רעדט
ניט מעהר פון דעם הערן לאנצעלאט, פאטער: דען דער
יונגער הערר איז (לויט דיא מזלות, און נאָך אזעלכע
זאבאבאנעס, לויט דיא דריי שוועסטער, און נאָך אזעלכע
תורות) נפטר געווארען, אדער, וויא איהר וואלט
געזאגט, געגאנגען אין זיין רוה.

גאָבבאָ. גאט זאל משמר ומציל זיין! דער בחור'ל איז געווען
דער שטאב פון מיינע עלטערע יאהרען, מיין גאנצע
שטיצע.

לאַנצעלאָט. (אין א זייט) זעה איך דען אויס, וויא א שטעקען,
וויא א פלאקען, וויא א שטאב, אדער א
סלופ? — דערקענסטו מיך, פאטער

גאָבבאָ. ווינד איז מיר, איך קען אייך נים, יונגער הערר;
אבער, איך בעט אייך, איז מיין בחור׳ל (עליו השלום!)
לעבעדיג אָדער טוידט?

לאַנצעלאָט. דערקענסטו מיך נים, פאָטער?

גאָבבאָ. אך און וועה, מיין הערר, איך בין שטאָק-בלינד;
איך קען אייך נים.

לאַנצעלאָט. ניין, אין דער אמת׳ן, דען ווען איהר וואָלט אפילו
געווען זעהעדיג, וואָלט איהר מיך אויך געמענגט נים
דערקענען. דער פאָטער, וועלכער קען זיין אייגען
קינד, איז א קלוגער פאָטער. אלזאָ, אלטער מאַן,
איך וועל אייך ערצעהלען נייעס פון אייער זוהן.
בענשט מיך; דער אמת קומט הערוים; א מאָרד קען
נים לאַנג בעהאַלטען זיין, אבער א מענשען-קינד
קען: אבער דער אמת קומט הערוים צום סוף.

גאָבבאָ. איך בעט אייך, מיין הערר, שטעהט אויף: איך בין
זיכער איהר זיים נים מיין זוהן לאַנצעלאָט.

לאַנצעלאָט. איך בעט אייך, לאָמיר זיך מעהר נים נאַריש
מאַכען, נאָר גיבט מיר אייער ברכה. איך בין
לאַנצעלאָט, אייער בחור׳ל, וואס איז געווען, אייער
זוהן, וואס איז, און אייער קינד, וואס וועט זיין.

גאָבבאָ. עס לאזט זיך מיר נים גלויבען דאס איהר זיים מיין זוהן.

לאַנצעלאָט. איך ווייס נים, וואס איך זאל דענקען וועגען דעם:
אבער איך בין לאַנצעלאָט, דעם יידענ׳ס מענש,
און איך בין זיכער דאס אייער ווייב מארגערי איז
מיין מוטער.

גאָבבאָ. מען רופט זיא טאקע מארגערי: ׳ך וועל שווערען,
אויב דוא ביזט לאַנצעלאָט ביזטו מיין אייגען פלייש
און בלוט: געלויבט און געדאַנקט זאל זיין זיין
ליעבער נאמען! וואס פאר א בארד דוא האסט!
דוא האסט מעהר האאר אויפ׳ן מארדע וויא מיין
פערדעל דאָבין האבען האט אויפ׳ן עק

לאַנצעלאָט. וויא עס ווייזט אוים, אלזא, מוז דאבינ׳ס עק הערייננוואקסען

צוריק; דען ווען איך האבע
דאס לעצטע מאל, בין איך זיכער, דאס עס
האט נעהאט מעהר האר אויפ'ן עק, ווי
איך אויפ'ן מארדע.

גאָבבאָ. מיין גאט, ווי דו האסט זיך פערענדערט!
ווי קומסטו אויס מיט דיין בעל הבית? איך האב
איהם געבראכט א מתנה: ווי קומט איהר
יעצט אויס?

לאַנצעלאָט. גוט, גוט! נאר וואס אנבעלאנגט מיר, אזוי ווי
איך האב מיך שוין בעשלאסען צו לויפען, וועל איך
שוין לויפען ביז איך וועל האבען אבגעלאפען א
שטיק וועגס. מיין פרינציפאל איז אן אמת'ער ייד:
געבען איהם א פרעזענט! גיב איהם א שטריק!
איך געה ביי איהם אויס פאר הונגער: דו קענסט
איבערצעהלען יעדען פינגער, וואס איך האב מיט
מיינע ריפען. טאטע, מיך פרעהט, וואס דו ביזט
געקומען: גיב מיר דיין מתנה פאר איינעם הערין
באססאניא, וועלכער גיבט אין דער אמת'ן זעהר
שעהנע נייע אנציגע: אויב איך וועל ביי איהם ניט
דיענען, וועל איך לויפען ביז עק וועלט. — א,
זעלטענער מזל! אט קומט דער מאן. — צו איהם, טאטע:
מיין נאמען איז ייד, אויב איך וועל נאך דיענען
לעננער ביים יידען.

(באַססאַניאָ, לארענצאָ, און אַנדערע בעגלייטער טרעטען איין.)

באַססאַניאָ. מענסט טהאן אזוי: אבער זאל עס געטהאן ווערען
אזוי גיך, דאס אבענד-עסען זאל זיין פארטיג
ניט שפעטער פון פינף אוהר. זעה דאס דיזע
בריעף זאָלען אָבגעגעבען ווערען: גיב אוועג
מאכען דיא אַנציגע; און בעט גראציאַנאָ צו קומען
באלד אויף מיין לאזשי.

(אַ בעדיענטער אַב.)

לאַנצעלאָט. טאַטע, צו איהם.

גאָבבאָ. נאט זאל בענשען אייער גנעדינקייט!

באַססאַניאָ. א גרויסען דאנק! פערלאנגט איהר וואס פון מיר?

גאָבבאָ. אט איז מיין זוהן, מיין העררע, אן ארימער יינגעל, —

לאַנצעלאָט. נים אן ארימער יינגעל, מיין העררע, נאר דעם רייכען יידען'ס יונג: וועלכער וואלט, וויא מיין פאטער וועט דייטליך ערקלערען —

גאָבבאָ. ער האט זיך, מיין העררע, וויא זאגט מען דאס שטארק אנגענומען מיט א קראנקהייט צו ווילען דיענען..

לאַנצעלאָט. ווירקליך, בקיצור, איך דיען ביים יידען: און האב א פערלאנג, וויא מיין פאטער וועט דייטליך ערקלערען, —

גאָבבאָ. ער און זיין בעל הבית זיינען וויא א הונד מיט א קאץ, —

לאַנצעלאָט. קורץ גערעדט, דער גאנצער אמת איז, דאס דער ייד, וועלכער האט מיר שלעכטס געטהאן, ברענגט מיך דערצו דאס, וויא מיין פאטער, זייענדיג, איך האף, אן אלטער מאן, וועט אייך גרינדליך ערקלערען, —

גאָבבאָ. איך האב דא א געריכט פון טויבען, וועלכע איך וואלט וועלען אוועקגעבען אייער גנעדינקייט: און מיין פערלאנג איז,

לאַנצעלאָט. נאר בקיצור, דער פערלאנג האט מיר שוין דערעסען, וויא אייער גנעדינקייט וועט ערפאהרען פון דיזען אלטען מאן; און כאטש איך זאג עס, כאטש אן אלטער מאן, איז ער דאך, ארימער מענש מיין פאטער.

באַססאַניאָ. זאל איינער ריידען פאר ביידען; וואס ווילט איהר?

לאַנצעלאָט. אייך דיענען, מיין העררע.

גאָבבאָ. אָט דאס איז טאקע דער גאנצער חסרון, מיין העררע

באַססאַניאָ. איך קען דיך גוט; דיין וואונש איז שוין ערפילט. שאילאָק, דיין פרינציפאל, האט היינט מיט מיר גערעדט, און האט דיך מיר רעקאָמאנדירט; אויב ס' לוינט זיך אויפצוהערען דיענען ביי

א רייכען יידען, אום צו ווערען דער
בעגלייטער פון א הערר אן אריםאן.

לאָנצעלאָט. דער אלטער שפריכווארט פאסט זיך זעהר שעהן
אויף מיין פרינציפאל שאילאָק און אייך, מיין הערר;
איהר, מיין הערר, האט דעם חן פון הימעל, און ער האט נענוג.

באססאַניאָ. דוא זאגסט עס גוט; געה פאָטער, מיט דיין זוהן. —
נעהם אבשיעד פון דיין אלטען הערן, און
ערקונדינ זיך, וואו איך שטעה איין. ניבט איהם
אן אנצוג — (צו זיינע בעגלייטער) זעהט ער זאָל זיין בעסער וויא
דיא איברינע. — זעהט עס זאָל נעטהאָן זיין.

לאָנצעלאָט. טאטע, אהער. — איך קען גאָר קיין שטעלע ניט קרינען,
ניין! דיא צונג האט מיר שוין גאָר אָבגעדארט. —
(קוקענדיג אויף זיין דאָליאָן) אלזאָ, זעה, אויב אירגענד
ווער אין איטאליען האט א שעהנערען דאַליאָן, וואס
וואלט וועלען שווערען אויף א ספר, דאס איך וועל
זיין מזל'דינ. קום נאָר א הער: — אָט איז אן
איינפאכער לעבנס-שטריק; אָט איז עפּעס א
קליינינקייט מכח ווייבער: אך, פופצעהן ווייבער
איז נאָר נישט; ע"ף אלמנות און ניין מיידלאך איז
א נעוואוינליכע איינקונפט פאר איין מענשען:
היינט דריי מאָל ניצול צו ווערען פון דערטרינקען זיך:
און קרינען צוקיילטע זייטען פון דעם ברעג פון א
פערענע; אָט זיינען איינפאכע ענטרינונגען! נו,
אויב דאס גליק איז א פרויענצימער, איז זיא א וואויל
מיידעל דערפאר. — טאטע, קום; איך וועל מיך
זעגנען מיט דעם יידען אין אן אויגענבליק.

(לאָנצעלאָט און גאָבבאָ אב.)

באססאַניאָ. איך בעט דיך, גוטער לעאָנארד, דענק
דערפון: ווען דיזע זאכען וועלען זיין
נעקויפט, און ריכטיג אויסגעטהיילט, קום גיך
צוריק, דען הייטע אבענד אונטערהאלט
איך מיינע בעסטע פריינד, איל זיך, און געה. —

לעאָנאַרדאָ. איך וועל טהאָן אלעס וואס וועט מעגליך זיין.

(גראַציאַנאָ טרעט אויף.)

גראַציאַנאָ. וואו איז אייער הערר?

לעאנאַרדאָ. אָן נעהט ער אום, מיין הערר.

(לעאָנאַרדאָ אב.)

גראַציאַנאָ. סיניאָר באססאַניאָ!

באַססאַניאָ. גראַציאַנאָ!

גראַציאַנאָ. איך וועל אייך עטוואס בעטען.

באַססאַניאָ. 'ס איז שוין רעכט.

גראַציאַנאָ. איהר טאָרט מיך נים ענטזאַגען איך מוז געהן
מיט אייך קיין בעלמאָנט.

באַססאַניא, מוזט איהר, מוזט איהר.
נאָר הער זיך צו, גראַציאַנאָ, ביזט צו ווילד,
צו גראָב, און רעדסט צו פרעך: 'ס זיינען אַלץ
אזעלכע זאכען, וועלכע פּאַסען דיר
גאַנץ גוט, און וועלכע מיר בעטראַכטען נים
פאַר פעהלער, אבער וואו מען קען זיי נים,
דאָרט ווייזען זיי זיך אויס צו פריי. איך בעט
דיך, גיב זיך מיהע און צולאָז דיין גייסט,
וואס שפּרינגט, מיט איינינע קאַלטע טראָפּען פון
אַנשטענדינקיים, אום איך זאָל דארט, וואוהין
איך געה, נים מיספערשטאַנען ווערען דורך
דיין ווילדען סטאַטאָק, און פערליערען דאס,
אויף וואס איך האָף.

גראַציאַנאָ. סיניאָר באַססאַניאָ, הערט
אויב 'ך מאַך מיר נים אַן ערנסטע מיענע, אויב
איך רעד נים מיט רעספּעקט, שילט זיך נים זעלטען:
אויב 'ך טראָג נים קיין געבעט-בוך אום מיט זיך;
אויב 'ך קוק נים מיט הכנעה. — ניין, נאָך מעהר:
אויב 'ך האלט מיר נים ביים עסען-בענשען צו
דיא אויגען מיט מיין היטעל — אָט אזוי!
און זיפץ, און זאָג קיין „אמן‟ נים; אויב 'ך הים

ניט פינקטליך אַב דיא גאנצע עטיקעט,
וויא איינער, וואס איז איינגעלעהרענט גוט
צו מאכען אַ רחמנות צורה׳קעלע
זיין באָבען צו בעפריעדיגען, — דאַן זאלט
איהר מיר אין גאַנצען מעהר ניט גלויבען.

באַססאַניאָ. רעכט׳ יך וועל זעהן וויא דוא וועסט זיך פיהרען.

גראַציאַנאָ. היינט מאך איך מיר אַן אויסנאהמע.
איחר וועט מיך דאָך ניט אורטהייכען לויט וואס
מיר טהוען היינט ביי־נאכט

באַססאַניא. ניין, דאס וואלט, זיין
בעדויערנסווערטה. איך וואלט אייך בעטען איהר
זאָלט ליעבער היינט זיין פרעהליכער וויא שטענדיג.
מיר האבען פריינד, וואס ווילען לוסטיג זיין.
דאָך זייט געזונד; איך האב נאך וואס צוטהאן.

גראַציאנאָ. און איך מוז געהן יעצט צו לאָרענצאָ און
דיא איבעריגע פריינד. מיר וועלען אייך
בעזוכען אבענדס אין דער צייט פון עסען.

(אָב.)

דריטע סצענע.

אַ צימער אין שאַילאָק׳ם הויז.

(יעססיקא און לאנצעלאט טרעטען אויף.)

יעססיקא. עס טהוט מיר לייד, לאנצעלאָט, וואס דוא ווילסט
מיין פאטער ׳זוי פערלאזען. אונזער הויז
איז גיהנם: דוא, אַ פרעהליכער טייוועל, האסט
פערטריבען עטוואס איהר לאנגווייליגקייט. —
דאָך געה געזונד; און נאַ דיר אַ דוקאט, און,
לאַנצעלאָט, וועסט ביים אבענד־ברויט באלד זעהן
לארענצא, וואס איז דיין נייעם העררען׳ס גאסט.

דערלאנג איהם דיעזען בריעף, זעה קיינער זאל
ניט זעהן. און געה געזונד. ׳ך וואלט ניט געוואלט
מיין פאָטער זאל מיך זעהען רעדענדיג
מיט דיר.

לאנצעלאָט. אדיע! — טרערען רעדען פאר מיר: זיסעסטע
אונגלויבינע! זיסע יידיש קינד! אויב א קריסט
וועט ניט שפיעלען דיא ראָלע פון א שורקע
און דיך ניט קריגען, האב איך א גרויסע טעות.
דאָך, אדיע; דיזע נארישע טראָפען דערטרינקען
א ביסעל מיין מענישען מוטה. אדיע! (אב)

יעסיקא. אָ, וויא געמיין איז דאס פון מיר, וואס ׳ך שעהם
מיך מיט מיין טאטען! דאָך, אבוואהל איך בין
זיין בלוט און פלייש, זיין טאכטער אבער אין
מאניערען בין איך ניט. א, לארענצא, אויב
דוא וועסט נאָר האלטען דיין פערשפרעכען, וועל
איך ענדיגען דעם קאמפף; ׳ך וועל קריסטין ווערען,
און דיר אלס פרוי, אלס ליעבענדע, געהערען.
(אב.)

פיערטע סצענע.

ווענעדיג. א גאס.

(גראציאנאָ, לארענצא, סאלארינא, און סאלאַניאָ, טרעטען אויף.)

לאָרענצא. מיר וועלען זיך אב׳גנב׳ענען הערום
דער צייט פון אבענד־עסען, זיך
פערקליידען אויף מיין לאזשי, און קומען באלד
צוריק: און אלץ אין איין שעה צייט.

גראציאנא. מיר האבען ניט געמאכט קיין גוטע פארבערייטונגען.

סאלארינא. מיר האבען ניט גערעדט פון פאקעלטרעגער.

סאלאניא. עס איז נעמיין; סיידען מען קען עס גלאט בעשטעלען. ׳ס וואלט, מיר דאכט, זיין בעסער, דאס מען זאל עס גאר ניט אונטערנעהמען.

לארענצא. ׳ס איז נאר יעצט פיער אוהר. מיר האבען נאך צוויי שעה זיך צו פערזארגען.

(לאנצעלאט טרעט אויף, מיט א בריעף.)

פריינד לאנצעלאט, וואס הערט זיך עפעס נייעס?

לאנצעלאט. אויב איהר וועט יזוי פריינדליך זיין דאס עפענען, וועט עס אויסזעהען, דאס עס וועט ערקלערען.

לארענצא. איך קען דיא האנדשריפט. ׳ס איז אויף עהרענווארט א שעהנע שריפט: און ווייסער נאך וויא דאס פאפיער, אויף ויעלכע ׳ס האט געשריבען, איז דיא שעהנע האנד וואס האט געשריעבען.

גראציאנא. ליעבע — נייעס: אויף עהרענווארט.

לאנצעלאט. מיט אייער ערלויבניס, הערר.

לארענצא. וואו געהסטו?

לאנצעלאט. איך געה, פערשטעהט איהר מיך, מיין הערר, פערבעטען מיין אלטען פרינציפאל דעם יידען צו עסען הײנט ביינאכט מיט מיין נייעם הערען דעם קריסט.

לארענצא. ווארט אב, שטעה: נעהם דאס, און זאג דער עדלער יעססיקא. דאס ׳ך וועל מיין ווארט ניט ברעכען. זאג עס איהר ווען קיינער וועט ניט הערען: געה. (לאנצעלאט אב) וועט איהר זיך פארבערייטען, מיינע הערען, דיא מאסקען היינט ביי נאכט? איך האב מיר שוין בעזארגט א פאקעל-טרעגער.

סאלארינא. יא, יא, געווים, איך געה עס גלייך בעזארגען.

סאלאניא. איך אויך.

לארענצא. טרעף מיך מיט גראציאנא אין

K.A.B.

זיין וואוינונג אין א שעה הערום.

סאלארינא. וועט זיין גאנץ גלייך מיר זאלען טהאן אזוי.

(סאלארינא און סאלאניא, אב.)

גראציאנא. האט ניט דיא שעהנע יעססיקא געשיקט דעם בריעף?

לארענצא. איך מוז דיר שוין אויסזאגען אלץ.—
זיא האט מיך אונטערריכטעט שוין וויא זיא
אוועגצופיהרען פון איהר פאטער'ס הויז;
וואס פאר א גאלד און ציערונג זיא האט
מיט זיך, וואס פאר א יונגעל־אנצוג זיא
האט אנגעגרייט זיך. אויב דער ייד, איהר פאטער
וועט זיין ווען אין גן עדן, וועט עס זיין
צוליעב זיין עדלער טאכטער. זאל זיך ניט
דאס אונגליק ווען דערוואגען איהר אין וועג
צו שטעלען זיך, סיידען ער טהוט עס מיט
דעם אויסרייד, דאס זיא איז דיא טאכטער פון
א יידען אן אונגלויביגען -קום, און לעז
דאס געהענדיג.—דיא שעהנע יעססיקא
וועט זיין מיין פאקעל־טרעגערין.

(אב.)

פינפטע סצענע.

פאר שאילאק'ס הויז.

(שאילאק און לאנצעלאט טרעטען אריין.)

שאילאק. רעכט, וועסט שוין זעהן מיט דיינע אייג'נע אויגען
דעם חילוק פון דעם אלטען שאילאק ביז

באססאניאָ. — יעססיקא! — דוא וועסט ביי איהם
נים פרעסען וויא ביי מיר. — הע, יעססיקא! —
זיך שלאָפען, כראָפען און צורייסען קליידער: —
איך זאג דיר, יעססיקא, דוא הערסט צו נים? —

לאנצעלאָט. האָ, יעססיקא!

שאילאק. ווער הייסט דיר רופען? איך
הייס דיר נים רופען. —

לאנצעלאט. אייער גנעדינקייט.
פלעגט שטענדיג זאגען, דאס איך קען קיין זאך
נים טהאָן אהן א בעפעהל.

יעססיקא. (טרעט אויף) רופסטו? וואס איז
דיין וואונש?

שאַילאק. מען האט מיך איינגעלאדען היינט
ביינאכט צום עסען, יעססיקא; נעהם צו
דיא שליסעל. — דאָך, פאר וואס זאל איך דאָרט נעהן?
זיי האבען מיך אוים ליעבע נים געבעטען.
זיי חנפענען זיך צו מיר; דאָך וועל איך נעהן
אוים האַס, אום ביים פערשווענדערישען קריסט
יך אָנצועסען. — יעססיקא, מיין טאָכטער,
גיב אַכטונג אויף דער שטוב. מיר ווילט זיך וועהר
נים נעהן; עס ברייט זיך עפּעס שלעכטעס פיר
מיין רוה, דען ׳ם האט זיך מיר דיא פאָרינע נאַכט
געטרוימט פון זעקלאַך געלד.

לאַנצעלאָט. איך בעט אייך, מיין העדר, נעהט; מיין יונגער הערד
וואַרט אויף אייער אָנקומענעס.

שאַילאָק. (אין א זייט) יע, און איך וואַרט אויך אויף זיין אָבקומענעס.

לאַנצעלאט. און זיי האבען זיך אָבגעמאכט, — יך וועל נים זאגען
דאס איהר וועט זעהן א מאַסקעראַדע; אבער אויב
איהר וועט, וועט עס הייסען דאס נים אומזיסט האט
מיר אנגעהויבען נעהן בלוט פון נאָז דעם פערגאַנגענעם
„שווארצען מאנטאג" אום זעקס אוהר אין
דער פריה, װאס איז אויסגעפאלען אין דעם טאָג

וואס איז געווען „אשער-מימוואך" מיט פיער יאהר צוריק
נאך מיטאג

שאילאק. הא, מאסקען? — הער דוא מיר נאר, יעססיקא.
שליס מיינע טהירען צו: און ווען דער פויק
וועט נעהמען קלאפען, און דיא פייפעל מיט
דער קרומער האלז וועט נעהמען קוויטשען ווילד,
קריך דוא נאר ניט הערויף צום פענסטער'ל
און שטעק מיר ניט הערויס דיא קאפ אין גאס
צו זעהן קריסטליכע נאראנים מיט
פערשמירטע צורות. זאלסט פערשטאפען פעסט
דיא אויערן פון מיין הויז — דיא פענסטער מיין איך.
זאל ניט דער קלאנג פון פלאכער נארעשקייט
הערייננעהן אין מיין ריינער הויז. איך שווער
ביי יעקב'ס שטעקען, 'ס ווילט זיך מיר ניט נעהן
צום מאהלצייט היינט ביי-נאכט. דאך וועל איך נעהן.
דוא, סוחר, געה פאראוים; זאג, איך וועל קומען.

לאנצעלאט. 'ך וועל נעהן פאראוים מיין הערר; איהר פרייליין, קוקט
דוקא הערויס פון פענסטער,
'ס וועט א קריסט דא נעהן פארביי,
ווערטה, איהר זאלט איהם ליעבען טריי. (אב)

שאילאק. וואס זאגט דער שוטה דער ישמעאל, הא?

יעססיקא. ער האט מעהר ניט געזאגט וויא, „זייט געזונד
מיין פריילין".

שאילאק. דער שוטה איז שוין גוט נענוג, אבער
א גרויסער אכלן, און א לאנגזאמער
פערדיענער; שלאפט ביי-טאג מעהר פון א קאץ. —
קיין פוילע פרעסערס וואוינען ניט מיט מיר;
דערפאר צושייד איך מיך מיט איהם, און שייד
זיך צוליעב איינעם, וואס איך וואלט געוואלט.
ער זאל איהם העלפען אויסצוברענגען זיין
געבארגטעם געלד. — אלזא, געה, יעססיקא
העריין. 'ך קום אפשר באלד צוריס. — מהו וויא

איך הייס. — פערשליעס דיא טהירען הינטער זיך. —
איין שפריכ-װארט לינט דעם שפּאָרער אלץ אין זינען:
װעסט פעסט פערבינדען, װעסטו פעסט געפינען. —
(שײַלאָק אב.)

אדיע

יעסיקאַ. און אויב מיין גליק איז נים אויף קורצע יאהרען,
איז מיר א פאָטער, דיר א קינד, פערלארען. — (אב.)

זעקסטע סצענע.

(גראַציאנאָ און סאלארינאָ טרעטען אויף מאַסקירט.)

גראַציאנאָ. דאס איז דער דעכעל, אונטער װעלכען ׳ס האט
לאָרענצא אונז געהייסען בלייבען שטעהן.

סאלארינא. זיין שטונדע איז ביינאה העריבער.

און

גראַציאנאָ. עס איז א װאונדער, װאס ער זאמט זיך מעהר.

סאלארינא. אָ, צעהן מאל גיכער פליה׳ן דיא טויבען פון
דער נעסט װענום אונטערשרייבען זיך
אויף נייע ליעבעס װעקסלען, װיא זיי פליה׳ן
נים צו פערשפּיעלען פריהערדינע טרייהייט.

גראציאנאָ. ׳ס איז װאהר: װער שטעהט אויף פון א מאלצייט מים
דעם זעלבען שטארקען אפּעטיט, מיט װעלכען
ער זעצט זיך הין? — װאו איז דאס פערד, װאס נעהט
העריבער נאך א מאל זיין שװערען װעג
מים יענער שטארקער היץ, מיט װעלכער עס
איז פריהער דורכגעגאנגען איהם? — נאך אלץ,
װאס עקסיסטירט, יאָגט מען זיך נאך מיט מעהר
פערלאנגען װיא מען האט געניסענדיג.
װיא נעהט זיך דיא בעפּוצטע שיף העראוס
פון איהר געבורטס-ארט װיא א פראנט,
און א פערשװענדערקע, געלאסצעט און
אומארעמט פון דעם װינד דעם הולטיי.

ווי א קומט זיא דאס ווי א פערשווענדערקע
צוריק, צוקלאפט דיא זייטען פון דעם וועטער,
צופליקט דיא זעגעל, דאר, צוריסען, און
פעראָרעמט פון דעם ווינד דעם הולטיי. —

(לארענצא טרעט אריין.)

סאלארינאָ. אָט קומט לאָרענצא: איך וועל וועגען דעם
נאך רעדען שפעטער.

לאָרענצא. זיסע פריינד, פערצייהט
נעדולדיג. וואס איך האב מיך לאנג געזאמט,
ניט איך, נאר מיין געשעפט, איז שולדיג, וואס
איהר האט געווארט. ווען איהר וועט קריגען לוסט
צו זיין גנבים, אום צו קריגען ווייבער,
וועל איך דאן ווארטען אזוי לאנג פאר אייך.
קומט נאר אהער; דא וואוינט מיין שווער דער ייד.
הא, ווער איז דארטען אינווייניג!

(יעסיקא ערשיינט אויבען, פערקליידעט אלס יונגעל.)

יעססיקא. ווער זייט איהר? זאגט, איך זאל זיין זיכערער,
כאטש איך וואלט שווערען, אייער קול איז מיר
בעקאנט.

לאָרענצאָ. לאָרענצא, דיין געליעבטער.

יעססיקא. לאָרענצאָ גאנץ בעשטימט, און ווירקליך מיין
געליעבטער; ווער ליעב איך דען אזוי שטארק? —
און אויב ניט דוא, לאָרענצאָ, טאָ ווער ווייס
אויב איך בין דיינע? —

לארענצא. דער הימעל און
דיין הארצען זיינען עדות, דאס דוא ביזט.

יעססיקא. כאפ דיזע קעסטעלע! — ס'איז ווערטה דיא מיה.
מיך פרעהט, וואס ס'איז נאכט, קענסט מיך ניט זעהן,
איך שעהם מיך זעהר מיט מיין פערענדערונג;
דיא ליעבע אבער איז א בלינדע, און
פערליעבטע קענען ניט דערזעהן אליין
דיא שעהנע נארעשקייטען, וואס זיי מהוען;

דען ווען די וואלטען קענען, וואלט אליין
דער יוצר הרע רוים געווארען מיך
צו זעהן פערוואנדעלט אין א יינגעל.

לארענצא. קום הערונטער.

דען דוא מוזט זיין מיין פאקעל-טרעגערין.

יעססיקא. וויא? מוז איך נאך מיין שאנד בעלייכטען מיט
א ליכט? — זיא איז, אויף עהרענווארט, אליין
שוין מעהר וויא צו העל. דאס, געליעבטער, איז
נאר אן ענטדעקונגס-אמט; און איך דארף זיין
אין דונקעלהייט.

לארענצא. דאס ביזטו מאקע, ליעבסטע גראדע אין
דיין שעהנעם יינגעל-אנצוג. אבער קום,
דיא רגע, דען דיא שטומע נאכט ענטלויפט,
און ׳סווארט אויף אונז צום מאלצייט ביי באססאניא.

יעססיקא. איך מאך נאר צו דיא טהירען, ציער זיך אויס
מיט נאך דוקאטען, און קום גלייך הערויס.

(אב. פון אויבען).

גראציאנא. אויף עהרענווארט; זיא איז א גוי׳ע נים
קיין יידיש קינד.

לארענצא. א מגפה אויף מיין קאפ,
איך האב זיא הערצליך ליעב; דען זיא איז קלוג,
אויב ׳ך בין אויף איהר א מבין; זיא איז שעהן,
אויב מיינע אויגען זאגען מיר דיא וואהרהייט;
און טריי איז זיא, וויא זיא האט זעלבסט געציינט,
און דרום, ׳זוי וויא זיא איז, שעהן, קלוג און טריי,
וועל איך זיא האלטען אין מיין טרייער זעעלע.

(יעססיקא טרעט אויף אונטען).

ביזט דא? — יעצט, מיינע הערען, לאמיר געהן,
דיא מאסקען-פריינדע ווארטען דארטען שוין.

(אב מיט יעססיקא און סאלארינא.)

(אנטאניא טרעט אויף.)

אנטאניא. ווער איז דאס דארט? —

גראציאנא. סיניאר אנטאניא!

אנטאניא. פע, פע, גראציאנא! — וואו זיינען דאס
דיא איבריגע? — עס איז שוין נייען אוהר:
דיא פריינדע ווארטען שוין אויף אייך. — נימא
קיין מאסקען היינט ביינאכט. דער ווינד איז שוין
געקומען, און באססאניא וועט באלד געהן
צום שיף. 'ך האב צוואנציג מענשען אויסגעשיקט
אייך זוכען.

גראציאנא. זעהר גוט; פון מעהר פרייד האב איך ניט געטראכט,
וויא נאר אוועקצוזעגלען היינט ביינאכט. (אב.)

זיעבענטע סצענע.

בעלמאנט, א צימער אין פארציא'ס הויז.

(קארנעטען־שאל. פארציא מיט דעם פרינץ פון מאראקקא, און ביידענס בעגלייטער טרעטען אויף.)

פארציא. געה, ציעה אוועג דעם פארהאנג, און בעוויין
דיא קעסטעלאך פאר דיעזען עדלען פרינץ. —
יעצט קלייבט אייך אויס. —

מאראקא. דיא ערסטע איז פון גאלד,
וואס האט דיא אויפשריפט, וועלכע פאלגט: „ווער 'ס קלייבט
אויס מיך געווינט וואס פיעלע ווילען.“
דיא צווייטע איז פון זילבער, און זיא גיבט
דאס פאלגענע פערשפרעכען: „ווער עס קלייבט
אויס מיך, וועט קריגען דאס, וואס ער איז ווערטה.“
דיא דריטע איז פון מאטע בליי, און האט
א ווארנונג וואס איז פונקט אזוי ניט קלאר:
„ווער 'ס קלייבט אויס מיך, מוז געבען און ריזיקירען
אלצדינג וואס ער פערמאגט.“ — וויא וועל איך עס
דען וויסען, אויב איך וואויל דיא ריכטיגע? —

פארציא. דיא ריכטיגע ענטהאלט מיין בילד, מיין פרינץ.
קלייבט איהר זיא אוס, דאן בין איך אייערע.

מאראקא. א גאט זאל מיך דא פיהרען! לא'מיך זעהן;

'ך וועל איבערזעהען וויעדער, וואס עס שטעהט
אויף זיי: וואס זאגט דיא בלייענע? „ווער 'ס קלייבט
אויס מיך, מוז געבען און ריזיקירען אלצדינג
וואס ער פערמאָגט?" — מוז געבען, און פאר וואס?
פאר בליי? ריזיקירען אלץ פאר בליי? דיא קעסטעל
איז צו ריזקאַלנע. מענשען, וואס ריזקירען
אלץ, טהוען עס נאר מיט דער האָפנונג צו
געווינען פיעל. — א גאָלדנער שכל בויגט זיך ניט
פאר פסולות. — איך וועל, אלזא, קיין זאך
נים געבען, און ריזקיר קיין זאך פאר בליי. —
וואס זאגט דאס זילבער מיט איהר יונגנד — פאַרבּ?
„ווער 'ס קלייבט אויס מיך, וועט קריגען דאס וואס
ער איז ווערטה" וואס ער איז ווערט? — דאָ שטעל זיך אב,
מאראָקקאָ, און וועג אב דיין ווערדע מיט
א גראָדער האנד; ווערסטו געשעצט לוים נאָך
דיין ווערדע, ביזטו ווערט גענוג. און דאָך
גענוג איז ניט גענוג צו גרייכען ביז
דער דאמע. — אבער מורא האבען פאר
מיין ווערדע, וואלט עס הייסען זיך אליין
ערנידרינען דורך שוואכקיים. — וויפיעל איך
בין ווערטה? — וואס הייסט? דאס איז דיא דאמע 'ך בין
זיא ווערטה דורך מיין געבורט, פערמעגען, דורך
מיין שעהנקיים און מיין עדעלער ערציהונג.
נאָך מעהרער וויא דורך דעם, בין איך זיא ווערטה
דורך ליעבע. וואס וואלט זיין ווען 'ך זוך נים מעהר
און קלייב דא אויס? — לאָמיך נאר זעהן אויפ'ס ניי
דיא אויפשריפט איינגראווירט אין גאָלד: „ווער 'ס קלייבט
אויס מיך, געווינט וואס פיעלע ווילען." הא.
דאס איז דיא דאמע; פון דער גאנצער וועלט
ווערט זיא פערלאנגט; פון אלע עקען וועלט
קומט מען א קוש טהאן דיעזען ארן קודש,
דיא שטערבליך אטהמענדיגע היילינע

אויף דיא הירקאנישע מדבריות, און
אראביענ'ס וויטע וויסטעניסען זיינען
אצונד, וויא וועגען אויסגעטראָטענע
פאר פרינצען, וועלכע פאהרען אָנצוזעהן
דיא שעהנע פּאָרציא; אויף דאס קעניגרייך
פונ'ם וואסער, וועמעס קאפ, דיא שטאלצע, שפייט
אינ'ם הימעל'ס צורה, איז קיין אָבשטעל ניט
פאר דיזע פרעמדע גייסטער, און זיי קומען,
וויא אויף א טייכעל, זעהן דיא שעהנע פּאָרציא. —
איינס פון דיא דריי ענטהאלט איהר הימליש בילד;
איז 'ס מעגליך דאס זיא ליגט אין בליי? — עס וואלט
געווען א זינד צו דענקען 'זוי געמיין,
'ס וואלט זיין צו גראָב אין גרוב איהר אנצוטהאָן
און איבערצוג אויף דיא תכריכים. —
זאל איך נאָר דענקען, זיא איז איינגעזעצט
אין זילבער, וואס איז צעהן מאָל ערגער וויא
געלייטערט גאָלד? — א זינדיגער געדאנק!
אזא בריליאנט איז קיין מאל ניט געווען
געפאסט אין שלעכטערעס וויא גאָלד. 'ס איז דאָ
אין ענגלאנד א מטבעה, וועלכע האט
אויף זיך אין גאָלד ארויסגעסטעמפעלט דיא
פיגורע פון א מלאך; אָבער דאס
איז אויפגעדריקט. דא אָבער, אין א בעט
א גאָלד'נער, ליגט א מלאך אינוועגדיג.
גיבט מיר דיא שליסעל, 'ך קלייב דא אויס, און זאָל
מיר גליקען, וויא עס וויל.—

פּאָרציא. נאָט, נעהמט עס, פרינץ; און אויב עס ליגט דאָ מיין
געשטאלט, דאן בין איך אייערע. (ער שליסט אויף דיא גאָלדענע קעסטעלע.)

מאראקקא. אָ טייוועל! וואס איז דאס? נאָר א סקעלעט
און וועמעס פוסטע אויג עס ליגט נאָר א
פערוויקעלטע, פערשריבענע פּאַפּיער.
'ך וועל עס לעזען. (ער לעזט)

אלץ איז נים קיין נאָלד וואס בליצם
האם איהר אָפּט נעהערט ביז איצם.
מאנכער האט פערקויפט דאס לעבען
נאָר אויף מיר א קוק צו נעבען.
אויף אין קברים שעהן—נעגילט,
ליגען ווערים איינגעהילט.
וואָלט איך ‏׳זוי פיעל זיין געשיצט
וויא פיעל דרייסטקייט איהר בעזיצט;
וואָלט איהר יונג זיין אין געשטאלט
און געוועז אין שכל אלט,
וואָלט דער ענטפער דאָ ניט שטעהן.
זיים נעזונד; איהר קענט אייך געהן.
אייער שידוך איז שוין קאַלט.—

מאראָקקאָ. יא, ווירקליך קאַלט און מיה אומזיסט פערלאָרען;
טאָ זיי געזונד, היץ, יעצט ווערט אלץ פערפראָרען.
פאָרציא, אדיע; עס טהוט מיר צופיעל וועה
דאס הערץ זיך לאנג צו זעגענען. אזוי
שיידען זיך דיא וואס האבען אנגעווארען.—(אב.)

פארציא. נאנץ לייכט דערלעזט.—ציעה דעם פאָרהאנג, געה.
זאָל יעדער מיט זיין פארב מיך וואוילען אזוי.
(אב.

אכטע סצענע.

ווענעדיג. א גאס.

(סאלארינא און סאלאַניאָ, טרעטען אויף.)

סאלארינא. עה, ׳ך האב געזעהן באססאניא זעגלענדיג;
מיט איהם אין איינעם איז אוועג גראציאנא.
׳ך בין זיכער, דאס לארענצא איז ניטאָ
אויף זיין שיף.

סאלאניא. דער ייד, דער שורקע, האט שוין אויפגעוועקט
מיט זיין געשריי דעם הערצאָג, וועלכער איז
מיט איהם געגאנגען זעהן באַססאַניאָ׳ס שיף.

סאַלאָרינאָ. ער איז צו שפּעט געקומען, דען דיא שיף
איז שוין געווען אוועג געזעגעלט. דאָרט
האט מען דעם הערצאָג אָבער צו פערשטעהן
געגעבען, דאס מען האט געזעהן לאָרענצאָ
מיט זיין פערליעבטער יעססיקא אין
א שיפעל, און אנטאָניאָ האט, א חוץ,
דעם הערצאָג דיא פערזיכערונג געגעבען
זיי זיינען מיט באַססאַניא ניט געווען
אין זיין שיף.

סאַלאָרינאָ. ׳ך האב קיינמאָל ניט געהערט א ליידענשאפט
אזוי צוטומעלט, מאָדנע, סקאַנדאַלען
פערשיעדענ-ארטיג, וויא ווען דער הונד דער ייד
האט אויסגעשריען אין דער גאַס:—„מיין טאכטער!
אָ דיא דוקאַטען מיינע! א מיין טאכטער!
אַנטלאַפען מיט א גוי!—דיא קריסטליכע
דוקאַטען מיינע!—אָ גערעכטיגקייט!
געזעץ!—מיינע דוקאטען און מיין טאכטער—
א גאַנצען זאַק—פערזיעגעלטע צוויי זעק
דוקאַטען—דאפּעלטע דוקאטען—האט
פון מיר מיין טאכטער צוגע׳גנב׳עט.
און ציערונג—שטיינער צוויי—צוויי רייכע
און טהייערע בריליאַנטען האט מיין קינד
פערכאַפּט,—גערעכטיגקייט!—געפינט דאס מיידעל!
עס האט אויף זיך דיא דימענטען און דיא
דוקאטען!“

סאלארינא. יאַ, אלע קינדער פון ווענעדיג לויפען
איהם נאך און שרייען:—דיא דיאַמאַנטען,
דיא טאכטער, דיא דוקאַטען!—

סאלאניא. זאל
דער פריינדליכער אנטאניא היטען דעם
טערמין, אדער עס וועט איהם טהייער קאסטען.

סאלארינא. געווים, איהר האט מיך גוט דערמאנט. איך האב
נעכטען גערעדט מיט א פראנצויז, וואס האט
געזאגט, דאס אין דעם שמאלען ים, וואס טהיילט
אב דיא פראנצויזען פון דיא ענגלענדער,
איז אונזערע א רייך־געלאד'נע שיף
צו שטראנד געגאנגען; 'ך האב, דאס הערענדיג,
געדענקט פון פריינד אנטאניא, און געווינשט
אין שטילען 'ס זאל ניט זיין זיין שיף.—

סאלאניא. עס וואלט געווען דאס גלייכסטע, דאס איהר זאלט
אנטאניא זאגען, וואס איהר הערט; דאך טהוט'ס
ניט פלוצלונג, דען עס קען איהם קריינקען.

סאלארינא. א פריינדליכער עדעלמאן איז נאר
ניטא אויף דר'ערד; איך האב געזעהן, וויא
באססאניא און אנטאניא האבען זיך
צושיידט: באססאניא האט צו איהם געזאגט,
ער וועט זעהן קומען גיך צוריק; האט ער
געענטפערט: „טהו דאס ניט; מאך ניט אוועג
געשעפט פון מיינעטוועגען מיט דער האנד,
באססאניא; ווארט אב ביז דער לעצט' מינוט.
וואס אנבעלאנגט דעם יידענ'ס וועקסעל, וואס
ער האט פון מיר, זאל דאס דיר ניט הערען
אין דיין פערליעבטען קאפ; זיי פריילעך, און
ווענד אן דיא הויפט געדאנקען דיינע, זיך
צו שדכענען, און צו בעווייזען דארט
אזעלכע ליעבע צייכען וויא עס וועט
בעקוועם דיר אנשטעהן. און גראד דא,
מיט טרערענדיגע אויגען, ווענדענדיג
דאס פנים אין א זייט, האט ער פערלייגט
זיין האנד אהינטער, און באססאניא'ס האנד

נעדריקט מיט וואונדערליכער טיעפער ליעבע;
און זיי האבען זיך אזוי צושיידט.

סאלאניא. איך דענק, ער ליעבט דיא וועלט נאָר צוליעב איהם.
איך בעט דיך, לאָמיר נעהן איהם זוכען און
בעלעבען זיין בעליעבטע שווער געמיטה
מיט וועלכען ס׳ איז פערגניגען.—

(אב.)

ניינטע סצענע.

בעלמאָנט; א צימער אין פּאָרציא׳ס הויז.

(נעריססא מיט א דיענער טרעטען אויף.)

נעריססא. גיך, איך בעט דיך, ציעה אויף דעם פארהאנג גלייך.
דער פרינץ פון ארראגאָן האט שוין געשוואָרען,
און קומט גלייך וואוילען:—

(קארנעטענשאל. עס טרעטען אויף דער פרינץ פון אָרראגאָן,
אָרציא און זייערע ביידענ׳ס בעגלייטער.)

פּאָרציא. זעהט דארטען שטעהן דיא קעסטלאך. נאבלער פרינץ
קלייבט איהר אויס דיא, אין וועלכער איך בין דאָ,
וועט אונזער הייראטס צערעמאָניע ווערען גלייך
געפייערט. אבער אויב איהר וואוילט אויס פאלש,
מוזט איהר, מיין לארד, נאר אהן פיעל טענות, גלייך
אוועג פון דאנען.—

אָרראגאָן. איך בין בעפאהלען דורך א שבועה
דריי זאכען אבצוהיטען:—ערסטענס, ניט
ערצעהלען קיינעם, וועלכע קעסטעל איך
האב אויסגעקליבען: צווייטענס, אויב איך קלייב
ניט אויס דיא ריכטיגע, זיך קיינמאל צו
א מיידעל ניט צו שדכ׳ענען; דריטענס,
אויב ׳ך וועל אין קלייבען ניט זיין מזל׳דיג,
זאל איך אייך גלייך פערלאָזען, און אוועג.—

פּאָרציאַ. אויף דיעזע פליכטען שווערט מיר יעדער, ווער
עס קומט ריזיקירען פאר מיין ארמען איך.

אַרראַגאָן. יזוי בין איך פאָרבערייטעט; זאל מיר יעצט
דער מזל העלפען צו מיין הערצענס-וואונש!
גאלד, זילבער און געמיינעס בליי. „ווער ׳ס קלייבט
אוים מיך, מוז געבען און ריזיקירען אלצדינג,
וואס ער פערמאגט" דוא זאלסט אויסזעהן שעהנער
בעפאר איך גיב אדער ריזיקיר. וואס זאגט
דיא גאלדינע קעסטעלע? — חא, לאמיך זעהן:
„ווער ׳ס קלייבט אוים מיך, געווינט וואס פיעלע ווילען
דיא „פיעלע" קען דיא דומע מאסע זיין,
וואס וואוילען כויט דעם בליק, און פאָלגען וואס
עס לערנט זיי דאס גענאַרטע אויג, — דאס אויג
וואס דרינגט נים אינווענדיג העריין, נאַר וויא
דיא מויער-שוואלב, וואס בוים זיך אוים א נעסט
אין וועטער אויף דער אויסערליכער וואנד,
פערטרוים דעם צופאל. — ׳ך וועל נים וואוילען דאס,
וואס פיעלע ווילען, דען איך וועל מיך נים
פערגלייכען צו געמיינע גייסטער, און
זיך גלייך נים שטעלען מים דער גראָבער מאסע.
צו דיר, אלזאָ, דיא זילבער אוצר-הויז;
זאָג מיר-אויפ׳ס ניי, וואס שטעהט אויף דיר געשריעבען:
„ווער ׳ס קלייבט אוים מיך, וועט קריגען דאס וואס ער
איז ווערטה." און רעכט געזאָגט: דען ווער קען געהן
דעם מזל נארען און זיין עהרענווירדיג
נים האָבענדיג פערדיענט עס? — זאָל קיין מענש
נים נעהמען זיך אן אונפערדיענטען ראנג!
הלואי וואלט מען קיין גימער, קיין טיטולען,
קיין עמטער נים דערלעבט דורך קאָררופּציאָן!
הלואי וואלט ריינע עהרע זיין געקויפט
דורך דער פערדיענסט פון דעם, וואס קריגט עס!
וויא פיעלע וואלטען דאן זיך צוגעדעקט

די קעפ, וואס שטעהען אָהנע הימלען יעצט!
ווי פיעלע, וואס בעפעהלען, וואָלטען דאַן
געהאָרכען! ווי פיעל גראָבען בויער-פאָלק
וואָלט מען דאַן אויסגעזוכט פונ'ם אמת'ען,
אלט-ארעלינגען שטאם! און וויפיעל עהרע
וואָלט מען דאַן אויסגעקליבען פון דעם שטויב
און דער רואינע פון דער צייט, אום אויף
דאס ניי עס אָבצוגלאנצען! — אלזאָ, 'ך קלייב:
„ווער 'ס קלייבט אויס מיך, וועט קריגען דאס, וואס ער
איז ווערטה."—'ך וועל גלויבען, איך בין ווערטה. גיבט מיר
דערצו דעם שליסעלע; און גלייך שליסט אויף
מיין מזל דאָ.

פארציא. צו לאנג געווארט דערפאר, וואס איהר געפינט דאָ.

ארראגאָן. וואס טהוט זיך דאָ? דאס בילד פון אַן אידיאָט,
וואס ווינקט, און גיבט מיר אָב א צעטעל. 'ך וועל
עס לעזען. ווי ווייט איז דאס פון פאָרציא'ס בילד!
ווי ווייט איז דאס פון מיינע האָפנונגען,
און פון מיין ווערדע! — „ווער עס קלייבט אויס מיך,
וועט קריגען דאס וואס ער איז ווערטה." בין איך
דען ווערטה ניט מעה׳ער ווי א נארענקאָפ?
איז דאס מיין פרייז? בין איך דען מעהר ניט ווערטה?

פארציאָ. בעליידיגען און ריכטען זיינען צווי
בעזונד'רע זאכען, איינס דער היפך פון
דאָס אנד'רע.

ארראגאָן. וואָס איז דאָ? (ער לעזט)
זיבען מאָל האט זיך געלייטערט
דיזער עדעלער מעטאל;
'זוי איז דער פון שמוץ דערווייטערט
וועלכער וואוילט קלוג איבעראל.
מאנכער שוטה קוסט א שאָטען,
און בעזיצט א פוסטע פרייד.
מאנכער נאר זעהט אויס געראטען

אין א זילבער רייכעס קלייד:
יעצט איז דיזער נאר געוועזען.
קלייב דיא שעהנסטע מיידעל אפ,
איך וועל אימער זיין דיין קאפ.
נעה, דוא האסט דיין שריפט געלעזען!
וויל איך ווארט, וועל איך דערפאר
אויסזעהן מעהרער וויא א נאר.
מיט איין נארענקאפ בין איך
דא געקומען ליעבען זיך,
און איך געה אוועק מיט צוויי.
ליעבסטע מיין, אדיע: איך וויל
טריי מיין שוואור זיין וואו איך געה
און מיין כעס דולדען שטיל. (אב)

פארציא. יעצט האט דיא ליכט פערברענט דיא פליגעלע!
א, דיזע איבערלייגטע נארען! זיי
בעזיצען שכל, ווען זיי קלייבען,
פערשפיעלער דורך פערשטאנד צו בלייבען.

נעריססא. קיין אפיקורס האט עס ניט ערקלערט,
דאס הייראטהען און שטארבען ווערט באשערט.

פארציא. קום, ציעה דעם פארהאנג, נעריססא.

(א דיענער טרעט אויף.)

דיענער. וואו איז מיין מאדאם?

פארציא. אט בין איך: וואס פערלאנגט מיין העררי?

דיענער. מאדאם, ביי אייער טויער איז הערא
א יונגער מענטשיק פון ווענעדיג, וואס
קומט מעלדען פריהער, דאס זיין העדר קומט אן.
ער ברענגט פון איהם א זעהר קלוגען גרוס, —
דאס הייסט, חוץ קאמפלימענטען העפליכע,
אויך טהייערע געשענקע. 'ך האב נאך ניט
געזעהן אזא געראטענעם ליעבע-שליח.
יעצט זים איז אנ'אפריל טאג ניט געקומען
בעווייזען, דאס דער טהייערער זומער קומט.

ויא דער קוריער קומט אָן בעפאָר זיין הערר.

פאָרציא. נענוג, איך בעט דיך; 'ך האב שטארק מורא, ותסם
באלד זאָגען, ער איז דיר א קרוב. דוא
נעברויכסט אזעלכע יום'טוב'דיגע רייד
צו לויבען איהם. קום, קום, נעריססא, דען
איך גאר דעם יוצר הרע'ס פאָסט צו זעהן,
וואס קומט אזוי אנשטענדיג.

נעריססא. באססאניא, הערר
פון ליעבע, אויב דיין ווילען וויל נים מעהר!

(אב.)

(ענדע פון צווייטען אקט.)

דריטער אקט.

ערסטע סצענע.

א גאס אין ווענעדיג.

(סאָלאַניאָ און סאָלאַרינאָ טרעטען אויף.)

סאָלאַנ. וואָס הערט זיך נייעס אויף דער ריאַלטאָ?

סאָלאַר. וואָס הייסט? עס רודעלט זיך נאָך פריש אויף דער ריאַלטאָ, דאס אנטאָניאָ'ס א רייך־בעלאָדענע שיף איז פעראונגליקט געוואָרען אויף דעם שמאָלען ים; איך דענק, דאס מען רופט דאס אָרט „דיא גודווינס,“ א זעהר געפעהרליכעס און שלים'מזל'דיגעס אָרט, וואו דיא סקעלעטען פון פיעלע הויכע שיפען ליגען, וויא זאגט מען דאס, אין דר'ערד, אויב מיין פלאַפּלערקע „דאס בעריכט“ האט אין זיך א וואהר וואָרט.

סאָלאַנ. הלואי וואָלט זיא געווען דערין אזא ליגנערקע, א פלאפלערקע, וויא איינע, וואס האט ליעב דיא כוסה, אדער וואס רעדט איין איהרע שכנים, דאס זיא קלאָגט אויף דעם טויט פון א דריטען מאַן. אבער עס איז וואהר, (אָהנע זיך צו פערפלאָנטערן אין לאַנגע רעד, אָדער העריבערצוגעהן דעם דייטליך אויסגעטראָטע

גען וועג פון רעדען), דאס דער גוטער אנטאניא, דער עהרליכער אנטאניא,—א ווען איך וואלט האבען א טיטעל גענונג צו זיין דער חבר פון זיין נאמען!

סאלאר. רעד שוין ביז דער ענדע. —

סאלאנ. הא? וואס זאגסטו? דיא ענדע איז, דאס ער האט פערלארען א שיף.

סאלאר. הלואי וואלט עס געווען דיא ענדע פון זיינע פערלוסטען!

סאלאנ. לאמיך זאגען „אמן" בעצייטענס, אום דער טייוועל זאל ניט צושטערען מיין געבעט; דען אט קומט ער אין דער געשטאלט פון א יידען. —

(שאילאק טרעט אויף.)

וואס הערט זיך נייעס? וואס הערט זיך צווישען דיא קויפלייט?

שאילאק. איהר האט געוואוסט, קיינער ניט אזוי גוט, וויא איהר, קיינער ניט אזוי גוט, פון מיין טאכטער׳ס ענטלויפען.

סאלאר. דאס איז בעשטימט; איך פון מיינער זייט האב געקענט דעם שניידער, וועלכער האט געמאכט דיא פליגעל, מיט וועלכע זיא איז אוועקגעפלויגען.—

סאלאנ. און שאילאק, פון זיין זייט, האט געוואוסט, דאס דער פויגעל האט געהאט דערוואקסענע פליגעל; און דאן איז עס זייער טבע צו פערלאזען דעם נעסט. —

שאילאק. פערלאזען זאל זיא נאט!

סאלאר. דאס איז זיכער, אויך דער טייוועל קען זיין איהר ריכטער.

שאילאק. מיין אייגען בלוט און פלייש זאל רעבעלירען!

סאלאנ. אלטע נבילה, רעבעל־רט עס נאך אין דיזע יאהרען?

שאילאק. איך זאג מיין טאכטער איז מיין פלייש און בלוט.

סאלאר. עס איז א גרעסערער חילוק צווישען דיין פלייש און איהר פלייש, וויא צווישען טהייערע שווארצע קיילען און העלפאנד ביין; א גרעסערער אונטערשיעד צווישען אייער בלוט, וויא צווישען ווייז און רהיין־וויין. — אבער זאגט נאר, האט איהר געהערט, אויב אנטאניא האט געהאט וועלכען אנגליק אויפ׳ן ים אדער ניט? —

שאילאק. דארט האב איך אויך געטהאן א צווייטען שלעכטען שידוך: אנ׳אנזעצער, א פערשווענדער, וועלכער דערוועגט זיך קוים צו ווייזען דיא אויגען אויף דער ריאלטא; א בעטלער, וואס פלעגט קומען אזוי פערפוצט אויפ׳ן מארק; — זאל ער האלטען דעם וועקסעל אין זינען: ער פלעגט מיך רופען פראצענטניק, זאל ער האלטען דעם וועקסעל אין זינען; ער פלעגט לייען געלד אויס קריסטליכער געפעלינקייט, זאל ער האלטען דעם וועקסעל אין זינען!

סאלאר. טה, איך בין זיכער, דאס, אויב ער פערשפיעלט, דוא וועסט ניט וועלען זיין פלייש. אויף וואס טויג עס דיר?

שאילאק. צו כאפּען פיש. אויב עס וועט קיין זאך ניט זעטיגען, וועט עס זעטיגען מיין רציכע־דורשט. ער האָט מיך צו שאַנד געמאכט, און מיר איבערגעפיהרט א האלב מיליאָן פרנסה: האט געלאכט פון מיינע פערלוסטען, געשפּעט פון מיינע פערדיענסטען, פעראכטעט מיין נאציאָן, מיר אונטערגעשלאָגען מיינע מסחרים, אבּגעקיהלט מיינע פריינד, דערהיצט מיינע פיינד, און וועלכען גרונד האט ער? איך בין א ייד. האט דען ניט א ייד קיין אויגען? האט דען ניט א ייד קיין הענד, קיין אברים, קיין חושים, קיין געפיהלען, קיין ליידענשאפטען? ווערט ער ניט גענעהרט מיט דער זעלבער שפּייז, געשעדיגט מיט דיא זעלבע וואפען, בעפאלען פון דיא זעלבע קרענק, געהיילט דורך דיא זעלבע מיטעל, געוואַרעמט און ערקעלטערט פון דעם זעלבען ווינטער און זומער, וויא א קריסט? — אויב איהר שטעכט אונז, געהט פון אונז קיין בלוט ניט? אויב איהר קיצעלט אונז, לאכען מיר ניט? אויב איהר פערגיפטעט אונז, שטארבען מיר ניט? — און ווען איהר טהוט אונז שלעכטס, זאלען מיר ניט נעהמען קיין נקמה? — אויב מיר זיינען, וויא איהר, אין אלע איבעריגע זאכען, וועלען מיר אויך זיין, ווי איהר, דערין. אויב א ייד טהוט שלעכטס א קריסטען, וואס איז זיין הכנעה? ראכע. אויב א קריסט טהוט שלעכטס א יידען, וואס זאל זיין געדולד זיין? גאנץ איינפאך, ראכע. דיא שורקעריי, וואס איהר לערנט מיך, וועל איך ערפילען, און עס וועט געהן שווער, אבער איך וועל נאך טהאן בעסער, וויא מען לערנט.

(א בעדיענטער טרעט אויף.)

בעדיענטער: מיינע העררן, מיין פּרינציפּאל אנטאניא איז אין זיין הויז, און וויל מיט אייך ביידען רעדען.

סאלאר. מיר זיינען איהם הערומגעגאנגען זוכען.

(תובל טרעט אויף.)

תובל. איך בין אפט געקומען אין ערטער, וואו איך האב פון איהר געהערט, אבער קען זיא ניט געפינען.

שאילאק. נא, נא, נא, נא! — א דימענט פערשוואונדען, האט מיך געקאסט אין פראנקפארט צוויי טויזענד דוקאטען. אונזער נאציאָן איז קיין מאל ניט פערשאלטען געווען ביז יעצט; איך האב עס קיינמאל ניט געפיהלט ביז יעצט. צוויי טויזענד דוקאטען און דעם דימענט, און אנדערע טהייערע, טהייערע ציערונגען. הלואי וואלט מיין טאכטער געלעגען טויט ביי מיינע פיס מיט דיא ציערונג אין דיא

אויערן! הלואי וואלט זיא געווען העראבגעהויבען און דיא דוקאטען אין איהר ארון — וואס הערט זיך פון זיי? — יע, אזוי. — און איך וויים נים, וואס דאס זוכען האט געקאסט. איין אגוועהר אויף דעם צווייטען. דער גנב ענטלאפען מיט אזוי פיעל, און אזוי פיעל קאסט אויסצוגעפינען דעם גנב; און קיין בעפריעדיגונג, קיין נקמה: און קיין שלים-מזל ריהרט זיך נים, וואס פאלט נים אן אויף מיינע פלייצעס, קיינע זיפצען הערען זיך נים אויסער דיא, וואס איך אטהעם הערויס, קיינע טרערען אויסער דיא, וואס איך פערגיעס. —

תובל. יא, אנדערע מענשען זיינען אויך שלים-מזל׳דיג: איך האב געהערט אין גענאא דאס אנטאניא. —

שאילאק. וואס, וואס וואס? שלים-מזל? שלים-מזל? —

תובל. זיינע א שיף איז פערוואָרפען געווארען, קומענדיג פון טריפאלים.

שאילאק דאנקען גאט, דאנקען גאט! איז דאס אמת, איז דאס אמת?

תובל. איך האב גערעדט מיט מאנכע פון דיא מאטראזען, וואס זיינען גערעטעט געווארען פון דעם שיפ-ברוך.

שאילאק. איך דאנק דיר, גוטער תובל! — גוטע נייעס, גוטע נייעס: הא, הא! — וואו, אין גענאא?

תובל. אייער טאכטער, וויא איך האב געהערט, האט אויסגעבראכט אין גענאא אכציג דוקאטען אין איין נאכט.

שאילאק. דוא שטעכסט מיר הערייז א שפיז אין הארצען! איך וועל שוין וויעדער נים זעהן מיין געלד; אכציג דוקאטען מיט איין מאל, אכציג דוקאטען! —

תובל. עס זיינען געקומען אין מיין געזעלשאפט איינינע פון אנטאניא׳ס קרעדיטארען קיין ווענעדיג, וועלכע שווערען, דאס ער מוז נים אנדערש באנקראָטירען.

שאילאק. עס טהוט מיר שטארק הנאה. ׳ך וועל איהם פלאגען, ׳ך וועל איהם פייניגען. עס טהוט מיר שטארק הנאה.

תובל. איינער פון זיי האט מיר געצייגט א רינג, וועלכעס ער האט געקראָגען פון אייער טאָכטער פאר אנ׳אפע.

שאילאק. לויף נאָך נאך איהר! דוא פייניגסט מיך, תובל: עס איז געווען מיין טירקיז — רינג: איך האב איהם געקראגען פון לאה׳ן, זייענדיג א בחור: איך וואָלט איהם נים אוועקגעגעבען פאר א גאנצען מדבר מיט אפען.

תובל. אָבער אנטאָניאָ איז געוויס א פערפאלענער.

שאילאק. יע, דאס איז אמת, דאס איז זעהר וואהר. נעה, תובל, דינג מיר אן א בעאמטען, רעד מיט איהם אָב מיט צוויי וואָכען פריהער. איך וועל נעהמען נאר

זיין הארץ, אויב ער פערשפיעלט, דען ווען ער וואלט ניט זיין אין ווענעדיג וואלט איך קענען מאכען, וועלכע געשעפטען איך יואלט ווילען. — געה, גוטער תובל, און טרעף מיך איי אונזער שוהל. געה, גוטער תובל אין אונזער שוהל, תובל. —

(ביידע אב.)

צווייטע סצענע.

בעלמאָנט, א צימער אין פּאָרציאַ'ס הויז.

(באַססאַניאָ, פּאָרציא, גראַציאַנאָ, נעריססאַ, און בעדיענטע טרעטען אויף. דיא קעסטעלאַך ווערען אויסגעשטעלט.)

פּאָרציאַ. איך בעט אייך, ווארט נאָך, ווארט א טאָג צו צוויי
בעפאָר איהר ריזיקירט, דען, אויב איהר וואוילט
אוים פאלש, פערליער איך איי'ר געזעלשאפט דאן,
דארום האלט אָב א ווײלע: עטוואס זאגט
מיר (אבער ס'איז ניט ליעבע), 'ך וועל אייך ניט
פערליערען, און, איהר ווייסט אליין, האס גיבט
קיין ראטה ניט אין אזא געפיהל. נאָר,
אום איהר זאלט מיך ניט פאלש פערשטעהן,
א מיידעל האט קיין שפראך ניט, נאָר געדאנק (און דאך)
וואלט איך א מאָנאט אָדער צוויי אייך דאָ
פערהאלטען, איידער איהר ריזיקירט פאר מיר.
איך וואָלט אייך קענען לערנען ריכטיג יעצט
צו וואוילען, אָבער דאן ברעד איך מיין שבועה.
דאס וועל איך ניעמאלס טהאָן: 'זוי קענט איהר מיך
פערפעהלען, אָבער אויב איהר פעהלט מיך, ברענגט
איהר מיך דערצו דיא זינד צו ווינשען, דאס
איך וואלט מיין שבועה שוין געבראכען, א
דיא אויגען אייערע! זיי האבען מיך
בעצויבערט און צוטהיילט: איין העלפט פון מיר
איז אייערע, דיא צווייטע אייערע,
מיין אייג'נע וויל איך זאָגען; אָבער אויב
איז ס'מיינע, איז עס אייערע אלזאָ.

אח ׳זוי איז אלעס אייערס. אָ, דיזע
נעמיינע צייטען, וועלכע שיידען דיא
בעזיצער אב פון זייערע רעכטע! און
אזוי אָבוואהל ׳ךְ בין אייערע, בין איך
נים אייערע, אויב ׳ס לאָזט זיך אוים אזוי
דאן זאָל דער מזל זיין פערדאמט, נים איך.
איך רעד צו לאנג; איך טהו עס אָבער צו
פערלענגערן דיא צייט, זיא אויסצוציעהען,
אום אָבצוהאלטען אייך פונ׳ם וואוילען.
כאָזט
באַססאַניאָ.
מיך וואויכען, דען איך לעב יעצט אויפ׳ן קוואל-ראָד.

פארציא. אויפ׳ן מארטער-ראָד, באססאַניאָ? טאָ זייט מודה.
מיט וואס פאר א פעררעטה איז אייער ליעבע
פערמישט.

באַססאַניאָ. מיט קיינעם, אויסער יענעם העסליכען
פעררעטה פון חשד, דורך וועלכען ׳ךְ שרעק מיך, דאס
איך וועל נים האבען קיין הנאה פון מיין ליעבסטער.
פריינדשאפט און לעבען צווישען שנעע און פייער
קען גראר אזוי געמעהלט זיין, וויא פעררעטה
אין איינעם מיט מיין ליעבע.

פארציאָ. אה, אבער איך האב מורא, דאס איהר רעדט
אויף׳ן מארטער-ראָד, וואו מענשען זאָגען, וואס
מען וויל, דורך צוואנג.

באַססאַניאָ. פערשפרעך מיר כיעבען, וועל איך מודה זיין
דעם אמת.

פאָרציאָ. רעדט אלזא, זייט מודה, און
דאן לעבט׳

באַססאַניאָ. זייט מודה און דאן ליעבט, וואלט זיין
דיא גאַנצע סומע פון מודה זיין.
א זיסע פיינינונג, ווען דער, וואס קוועלט,
לערנט מיך דעם ענטפער צו ערלעזען זיך!
דאך לאמיך צו מיין מזל, און דיא קעסטלאך.

שאילאק

פארציא. אוועק אלזא. אין איינע פון דיא דריי
בין איך פערשלאסען. ליעבט איהר מיך, וועט איהר
מיך אויסגעפינען. דוא, נעריססא, און
דיא איבריגע, שטעהט אלע אין א זייט.
וועהרענד ער קלייבט זאל שפיעלען דיא מוזיק.
אויב ער פערשפיעלט, דאן ענדיגט ער זיך, וויא
א שוואן, אויסגעהענדיג אין דיא מוזיק,
אום דער פערגלייך זאל זיין נאך ריכטינער,
וועט זיין מיין אויג דיא טייך און וואסער-בעט
פאר איהם. ער קען געווינען—וואס איז דאן
מוזיק?—דאן איז מוזיק, וויא יענער שאל,
ווען טרייע אונטערטהאנען בויגען זיך
צום ניי-געקרוינטען קעניג; ׳ס איז אזוי,
וויא יענע קלאנגען, וועלכע קלינגען זיס
דעם חתן אין דיא אויערן פריה פאר טאג,
איהם צו דער חופה רופענדיג. יעצט געהט
ער, מיט ניט וועניגער בעזעסענהייט,
דאך מיט א סך מעהר ליעבע, וויא דער העלד
אלסידעס, ווען ער האט בעפרייט דיא מיידעל,
וועלכע דאס יאמערנדיגע טראי האט אלס
טריבוט געצאהלט דער חיה פונ׳ם ים.
איך שטעה. אלס קרבן, דא; דיא איבריגע,
וואס שטעהען אן א זייט, דאס זיינען דיא
דארדאנ׳שע פרויען מיט געבלייכטע צורות,
געקומען זעהן דיא ענדע פונ׳ם קאמפף.
געה, הערקולעס; לעב דוא, לעב איך. מיט מעהר,
מיט פיעל מעהר שרעקען זעה איך צו דעם שטרייט,
וויא איהר, וואס געהט איהם מאכען היינט.
(מוזיק וועהרענד באססאניא קאמענטירט פאר זיך אויף דיא קעסטלאך.)

ליעד:

זאגט, פון וואו שטאמט ליעבעס-לוסט?
פון דעם מוח? פון דער ברוסט?

UNIVERSITY OF ILLINOIS LIBRARY URBANA

UNIVERSITY OF ILLINOIS LIBRARY URBANA

אין איהר נאהרונג אייך בעוואוסט?
ענטפערט! ענטפערט!
אין דעם אויג ווערט זיא געווינט,
לעבט פון זעהן, און ווערט דערשטיקט
אין דעם ווינקעל וואו זיא לינט.
אלע קלינגט איהר מויטען-קלאנג.
יך מאך דעם אנפאנג: בינג, בינג, באנג!
בינג, בינג, באנג!

אלע:

באסאניא. יזוי קען דאס אויסערליכע אויסזעהן זיין
גראד נים אזוי וויא עס זעהט אוים.
דיא וועלט איז אלץ נאך אבגענארט מיט פוץ.
וואו איז אין דאס געזעץ א האנדלונג יזוי
פערשמוצט, וואס ווערט נים צוגעריכט
פון א פערטהיידינגענדער שטימע, אום
מען זאל נים זעהן דאס שלעכטע? וואו איז אין
דער רעליגיאן א טעות יזוי פערדאמט,
וואס מאנכע פרומע צורה בענשט איהם נים,
רעכטפערטיגט איהם נים מיט א פסוק, און
בעהאלט דיא גראבקייט נים מיט א שעהנעם פוץ?
וויא דייטליך עס זאל זיך נים זיין א זינד,
דאך טהוט עס אויף דער אויסענזייטע אן
א וועלכען נים איז שיין פון טוגענד. וויא
פיעל פייגלינגע, וואס האבען הערצער פאלש,
וויא טרעפען, וואס מען מאכט פון זאמד, טראגען
דיא בערד פון הערקולעס און מארס;
זוכט מען זיי אבער אינווענדיג, זעהט מען
דאס זיי בעזיצען לעבער ווייס. וויא מילך.
און דיזע טהוען אן דיא אויסענזייט
פון מוטה, זיי זאלען אויסזעהן העלדיש.
בעטראכט דיא שעהנהייט, איהר וועט זעהן, מען קויפט
עס אויף׳ן געוויכט, וואס לאזט דערין געשעהן
א נס אין דער נאטור, פערוואנדלענדיג

דיא שעהנסטע און דיא לייכטעסטע? 'זוי זיינען
דיא קרויזע, גאָלדינע האָר, וואס שפּיעלען זיך
צולאָזען מיט דעם ווינד, אויף שעהנהייט, וואס
מען רעכענט נאָר פאר שעהנהייט, אָפט בעקאַנט
אלס דאס בעזיצטהום פון אנאַנדער קאָפּ,
גענומען פון א שאַרבען, וועלכער ליגט
אין דר'עדר. אזוי איז פּוץ דער שעהנער ברעג
צו א סכנה'דיגען ים; דער שעהנער שאַל,
וואס שלייערט איין אנ'אינדיער שעהנהייט; אין
א וואָרט, דיא אבגעדוכטע וואַרהייט, וואס
דיא כיטרע צייט טהוט אָן העריינצונאַרען
דיא קלינסטע. דרום, דוא אויסגעציערטעס גאָלד,
דוא האַרטע שפּייז פאר מידאַס, 'ך וויל ניט דיך;
און אויך ניט דיך, דוא בלייכער, פּראָסטער שקלאַף,
פון מענש און מענש. דאָך דוא, דוא מאָגער בליי
וואס דוא 'שרעקסט מעהר אָב וויא דוא פּערשפּרעכסט,
דיין פּראָסטקייט ריהרט מיך מעהר, וויא רייכע רעד;
און דאָ קלייב איך: דיא ענדע זאָל זיין פרייד.

פּאָרציאַ. וויא אַלע אנד'רע ליידענשאַפטען פליה'ן
אוועג אין לופט, אַלס צווייפלענדע געדאַנקען,
אונאיבערלעגט-גענומענע פערצווייפלונג,
אַלס שוידערנדיגע שרעק, און אייפערזוכט!
אָ ליעבע, זיי ניט ווילד; פערקלענער דיין
ערהאבענעס ענטציקען; רעגען מיט
א מאָס דיין פרייד; האַלט איין דעם איבערפלוס.
איך פיהל צו שטאַרק דיין ברכה, און איך שרעק
מיך, דאס איך וועל מיך איבערזעטיגען.

באַססאַניאָ. וואס געפין איך דאָ? (עפענענדיג דאס קעסטעלע)
דיא שעהנע פּאָרציאַ'ס בילד? וועלכער האַלב־גאָט
האט עס 'זוי ריכטיג נאכגעאהמט דיא שעפּפונג?
בעוועגען זיך דיא אויגען דיעזע, אדער
אומרייטענדיג אויף מיינע שוואַרץ־אַפּעל.

ראכט עס זיך אָב, ראס זיי בעוועגען זיך?
אָט זיינען ליפּען אָבגעשיידעט דורך
א צוקער־אָטהעם; אזא זיס אבהאַלט זאָל
אזעלכע זיסע פריינד צושיידען. דאָ,
אין איהרע לאָקען, האט דער מאהלער שטיל
געאַרבייט, וויא א שפּין, און אויסגעוועבט
א גאָלד'נע נעץ צו פאַנגען מענער־הערצער
ניכער, וויא פליגעלאך און שפּינוועבס. דאָך
דיא אויגען דיעזע, וויא האט ער געקענט
דערזעהן זיי צו מאהלען? האבענדיג
נאָר איינס געמאהלט, האט עס, מיר דאכט, געדאַרפט
בעזיצען קראפט צו גנב'ענען ביידע זיינע
און זעלבסט פערבלייבען ניט געענדיגט. דאָך
בעטראכט: אזוי ווייט, וויא דער אינהאלט פון
מיין לויב איז פון דעם שאטען, ווייל עס שעצט
עס ניט, וויא עס איז ווערטה, אזוי ווייט איז
דער שאטען פון דער ווזען, וואס איך לויפּ.
אָט איז דאס אנגעשריעבענע פּאַפּיער,
דער אינהאַלט און דיא סומע פון מיין גליק.
(לעזט.)

איהר, וואס וואַילט ניט לויט דעם שיין
וואוילט 'זוי ריכטיג און 'זוי פיין;
זייט דאס גליק פאלט אייך הערייַן,
זאָלט איהר שוין צופריעדען זיין.

אויב איהר פרעהט זיך מיט דערמיט,
און מעהר גליק פערלאנגט איהר ניט,
קוסט זיא יעצט מיט היים געמיטה,
פאָדערט זיא פון קוסט צוגליהט.

א גוטער צעטעל. מיט ערלויבניס, פריילען (קוסט פּאָרציע.)
'ך קום דורך א צעטעל געבען און עמפּפאַנגען,
וויא איינער, וואס איז אין א שטרייט געגאַנגען,
וואס דענקט, ער איז דעם פּובליקום געפעהלען,

און הערט צומישט דיא לויטע כויב-נעשרייען,
און וויל אין צווייפעל זיך דיא פראגע שטעלען,
אויב ער, אדער זיין געגנער, דארף זיך פרייען,—
אזוי שטעה איך דא, דרייפאך שעהנע פרייליין,
גראדע אזוי, און צווייפעל אין מיין וואוילען,
ביז איהר וועט עס בעשטעטינען, אונטערשרייבען...
און מיינע זארג מיט אייער ווארט פערטרייבען.

פארציא. איהר זעהט מיך, לארד באססאניא, וואו איך שטעה
זוי וויא איך בין. אבוואהל פאר זיך אליין
וואלט איך ניט זיין 'זוי עהרענגייציג, איך
זאל וועלען זיין פיעל בעססער, וויא איך בין,
אבער פאר אייך וואלט איך געוואלט, איך זאל
זיין זעכציג פאך דאס, וואס איך בין,—שעהנער
א טויזענד מאהל, רייכער צעהן טויזענד מאהל.
אום נאר פון אייך געשעצט צו ווערען, הויך,
וואלט איך אין טוגענד, שעהנקייט, גוטער פריינד,
געוואלט שטעהן העכער, וויא מען שאצט ווען אב.
אין גאנצען אבער בין איך ווענינ-וואס;
דאס הייסט, צו רעדען פראסט, א מיידעל ניט
געלערענט ניט געשוהלט, ניט פראקטיצירט.
גליקליך דערמיט, וואס זיא איז ניט 'זוי אלט,
זיא זאל ניט קענען לערנען; גליקליכער
דערין, וואס זיא איז ניט געהאדעוועט
'זוי דום, נאר זיא קען לערנען; ס'גרעססטער גליק
פון אלץ איז, וואס איהר עדלער גייסט גיעט זיך
אוועג צו אייער גייסט, געפיהרט צו זיין,
וויא פון א הערר, א פיהרער, און א קעניג.
איך און דאס מיינינע געהערט יעצט אייך.
אט ערסט בין איך געווען דיא הערשערין
פון דיזען שעהנעם הויז, בעפעהלערין
פון מיינע דיענער, איבער זיך אליין
דיא קעניגין, און יעצט, אט ערסט, געהערט

דאס הויז, דיא דיענער, און דאס זעלבע איך,
צו אייך, מיין לארד. יך גיב זיי מיט דיזען רינג.
און ווען איהר ווערט איהם לאזן, שיידט זיך מיט איהם,
אדער איהר גיעט איהם וועמען ס'איז אוועג,
זאל עס אנזאגען דאן דעם אונטערגאנג
פון אייער ליעבע, און מיר געבען רעכט
אויף אייך זיך צו בעקלאגען.
בּאססאניא. פריילען, איהר האט מיר אבגעלעהמט דיא צונג;
נאר אין דיא אדערן רעדט מיין בלוט צו אייך.
און אין מיין הערצען איז אזא מן רויש,
וויא ס'הערט זיך אין א מורמלענדיגער און
צופריעדענער מאסע, נאך א רעדע, שעהן
געהאלטען פון א שטארק־בעליעבטען פרינץ;
וואו יעדעס עטוואס, ווערענדיג פערמישט,
ווערט וויא א ווילדעס נאר־נישט, אויסער פרייד,
האלב אויסגעדריקט, און האלב ניט אויסגעדריקט.
נאר ווען דער רינג שיידט זיך פון דיזען פינגער,
דאן שיידט דאס לעבען זיך פון מיר; א דאן
זייט דרייסט צו זאגען דאס באססאניא איז טויט.
נעריססא. מיין הערר און העררין, יעצט איז אונזער צייט —
צו וויא מיר זיינען דא געשטאנען און
געזעהען אונזער וואונש געדייהענדיג,—
צו שרייען, פרייד! מיין הערר און פרייליין, פרייד!
גראציאנא. מיין הערר באססאניא, און מיין עדלע פריילען,
איך ווינש אייך אלי דיא פרייד, וואס איהר ווינשט זיך
אליין, דען איך בין זיכער איהר בענויטהיגט זיך
ניט אין מיין פרייד; און ווען איי'ר געדינקיים
רעכענט צו פייערן דעם גוטען אבמאך
פון אייער טרייהייט, בעט איך אייך, דאס אין
דער זעלבער צייט זאל איך אויך קענען זיך
גרהייראטהען.
באססאניא. פון גאנצען הערצען, אויב

דוא קענסט נאָר קריגען זיך א פרוי.

גראַציאַנאָ. דאַנק אייער הערשאַפט, איהר האט מיך פערזאָרגט.

מיין אויג, מיין הערר, קען זעהען גראד ‏׳זוי ניך,

וויא אייער אויג; איהר האט געזעהן דיא פריילען,

די מיידעל איך; איהר האט געליעבט, איך אויך,

דען ׳ך וויים ניט, וואס עס הייסט צו ווארטען פונסט

אזוי, וויא איהר, מיין העדר. אייער גליק האט זיך

געווענדט אַן יענע קעסטעלאך, מיינס אויך.

דען זיך דאָ שרכנ׳ענדיג מיט מיה און שוויים,

און שווערענדיג מיט ליעבע־שבועות ביז

מיין גומען איז געוואָרען טרוקען, האָב

איך דאָך אַם ענדע, (אויב פערשפרעכען האלט)

געקראָגען א פערשפרעכען אָט פון דער

פארשוין פון איהר געליעבט צו ווערען, ס׳ הייסט

אויב אייער מזל וועט דיא פריילען קריגען.

פּאָרציאַ. איז ׳ס וואהר, נעריססאַ?

נעריססאַ. ׳ס איז וואהר, מאדאם, אויב אייך געפעלט עס נאָר.

באַססאַניאָ. און איהר גראציאנאָ, מיינט איהר עס אין ערנסט?

גראַציאַנאָ. אין ערנסט, מיין הערר.

באַססאַניאָ. אונזער האכצייטס־פעסט וועט זעהר געעהרט זיין

מיט אייער הייראטהען.

גראַציאַנאָ. מיר וועלען מיט זיי שפּיעלען,

דער ערסטער יינגעל פאר א טויזענד דוקאטען.

נעריססאַ. און גלייך איינלעגען?

גראַציאַנאָ. ניין, אין דעם שפּיעל וועלען

מיר ניט געווינען דורך איינלעגען.— דאך,

ווער קומט עס דא? לארענצא מיט זיין יידין?

הא, און מיין אלטער פריינד סאלאניא פון

ווענעדיג?

(לאָרענצא יעססיקאַ און סאַלאַניאָ טרעטען אריין.)

באַססאַניאָ. לאָרענצאָ און סאַלאַניאָ זייט ווילקאָמען,

אויב איך. נאָס ׳ך בין ביינאה א פרעמדער דאָ,

האב רעכט צו הייסען אייך ווילקאָמען זיין.
מיט אייער ערלויבניס הייס איך מיינע פריינד
און לאנדסלייט זיין ווילקאָמען, פאָרציא.

פאָרציא. איך אויך, מיין הערר; זיי זיינען העכסט ווילקאָמען.

לאָרענצא. דאנק אייער גנעדינקייט, פון מיינער זייטע
האב איך אייך ניט ערוואַרטעט דאָ צו זעהען.
נאָר טרעפענדיג סאַלאניאָ דורך א צופאל,
האט ער פערלאנגט, איך זאָל ניט אנדערש געהן
מיט איהם אהער.

סאַלאניאָ. 'ך האב עס געטהאָן, מיין הערר,
און האָב דאפיר געוויסע גרינדע. סעניאָר
אנטאָניאָ רעקאָמענדירט איהם אייך.

(גיבט איהם א בריעף.)

באַססאַניאָ. בעפאָר איך עפען אויף דעם בריעף, זאָגט מיר,
איך בעט אייך, וויא עס געהט מיין גוטען פריינד.

סאַלאניאָ. ער איז ניט קראנק, סיידען עס איז אין גייסט;
און ניט געזונד, סיידען אין גייסט זיין בריעף
וועט אויך ערקלערען, וואס ער מאכט.

גראַציאַנאָ. נעררִיססא, מונטער אויף דאָרט יענע פרעמדע;
הייס איהר ווילקאָמען זיין. אייער האנד, סאַלאניאָ;
וואס הערט זיך פון ווענעדיג? און וויא געהט
דעם קעניגליכען קויפמאן אנטאָניאָ? 'ך ווייס,
אונזער ערפאלג וועט איהם פערשאפען פרייד:
מיר זיינען יעצט דיא יאזאָנס, דען מיר האָבען
דאָ דיא וואָל געוואונען.

סאַלאניאָ. הלואי וואלט איהר דיא וואָל געוואונען, וואס
ער האט פערלאָרען.

פאָרציא. יענעם פאפיער מוז האבען טהיילווייז א
פערפלוכטעס אינהאלט, דען עס גנב'עט פון
באַססאַניאָ'ס באק אוועק דיא פארב, א פריינד,
א טהייערער, מוז געשטארבען זיין; זאָנסט וואלט
קיין זאך ניט אין דער וועלט פערענדערען

אזוי רעם צושטאנד פון א שטארקען מאן.
וויא, שלעכטער נאך און שלעכטער ? — מיט ערלויבניס,
באססאניא, ׳ך בין א העלפט פון אייך, און מוז
בעזיצען פריי א העלפט פון אלעס, וואס
דאס זעלבינע פאפיער ברענגט אייך.

באססאניא. א זיסע פארציא, ׳ס זיינען איינינע פון
דיא העכסט אונאננענעהמסטע ווערטער דא,
וואס האבען ווען עס איז בעפלעקט פאפיער.
מיין עדלע פריילין, ווען ׳ך האב דאס ערסטע מאל
אייך מיטגעטהיילט מיין ליעבע, האב איך אייך
געזאגט גאנץ פריי, דאס אלץ, וואס איך בעזיץ,
פליעסט אויף אין מיינע אדערן ; דאס איך בין
אנ׳אדלינער. און דאן האב איך געזאגט
דיא וואהרהייט, דעננאך, ווערטהע פריילען, וויא
איך האב מיך דאן געשעצט אלס גאר־נישט,
ווערט איהר נאך זעהן, וויא שטארק ׳ך האב מיך בעריהמט.
ווען איך האב אייך געזאגט, דאס איך בעזיץ
קיין זאך ניט, האב איך אייך געדארפט דאן זאגען
דאס איך בעזיץ נאך וועניגער וויא גאר־נישט.
דען איך האב ווירקליך זיך פערפפליכטעט צו
א טהייערן פריינד, און האב דעם פריינד געמאכט
פערפפליכטעט צו זיין סאמע פיינד, אום צו
פערבעסערען מיין לאגע, זעהט דעם בריעף,
מיין פריילען : דאס פאפיער איז, וויא דער גוף
פונ׳ם פריינד, און יעדעסווארט, וואס עס ענטהאלט
איז וויא אן אפענע וואונד, וואס לאזט הערויס
פון זיך זיין לעבענס־בלוט. דאך, איז דאס וואהר,
סאלאניא ? איז דען אלץ, וואס ער פערטאגט,
פערלארען ? האט דען איין שיף ניט דערגרייכט
דעם ברעג ? פון טריפאלים, פון מעקסיקע,
פון ענגלאנד, פון ליסבאן, פון בארבארי
און אינדיען ? איז זאגאר איין שיף אויך נים

ענטרונען פון דער שרעקליכער בעריהרונג
פון פעלזען, וואס פערוֹנגליקען דיא קויפלייט?

סאַלאַניאָ. נים איינס, מיין הערר. און אויסערדעם, שיינט עס,
דאס ווען ער וואלט געהאט דיא סומע יעצט
דעם יידען צו בעצאהלען, וואלט דער ייד
עס נים גענומען. 'ךְ האב נאךְ נים געזעהן
א וועזען מיט דער אמונה פון א מענשען,
וואס זאל זיין אזוי שטרענג און שטארק געניינט
א מענשען צו פערוֹנגליקען. ער לאזט
דעם הערצאג נים צו רוה סיי פריה, סיי שפעט;
און קלאגט נאךְ אהן דיא פרייהייט פונ'ם שטאאט,
אויב מען פערלייקענט איהם גערעכטיגקייט.
שוין צוואנציג קויפלייט, אויךְ דער הערצאָג און
דיא גרעסטע סענאטארען האבען שוין
מיט איהם גערעדט, דאךְ קען איהם קיינער נים
אבּרעדען פון זיין אייפערזוכטס פערלאנג
פון שטראָף, גערעכטיגקייט און פון זיין וועקסעל.

יעססיקא. ווען 'ךְ בין געווען מיט איהם, האב איךְ געהערט
איהם שווערענדיג פאר זיינע לאנדסלייט תובל
און כוש, דאס ער וואלט ליעבער שוין געוואלט
אנטאניאָ'ס פלייש, איידער דיא צוואנציג-פאכע
סומע פון דאס געלד, וואס קומט פון איהם.
און 'ךְ וויים, מיין הערר, אויב דאס געזעץ, דיא מאכט,
און דיא אויטאָריטעט ענטזאגען זיךְ
נים פון גערעכטיגקייט, דאן וועט דער ארעמער
אנטאניאָ ליידען זעהר שטארק.

פאָרציאָ. איז דאס אייער ויערטהער פריינד, וואס איז אזוי
געדריקט?

באַססאַניאָ. מיין בעסטער פריינד, דער בעסטער מענש, און אויךְ
דער בעסטער גייסט, וואָס ווערט קיינמאָל, נים מיעד
צו טהאָן געפעלינקייטען. 'ס איז א מענש,
אין וועלכען דיא פערצייטיגע עהרע פון

דיא רוימער זעהט זיך מעהר און טיעפער, וויא
אין אירגענד וועלכער מענש, וואס אטהעמט אין
איטאליען.

פארציא. וויא פיעל בעטרעפט דיא סומע, וואס ער קומט
דעם יידען?

באססאניא. פאר מיר, דריי טויזענד דוקאטען.

פארציא. וויא, ניט מעהר?
בעצאהלט איהם זעקס, און מאכט אן ענדע פון וועקסעל;
נים איהם צוועלף טויזענד, דאן פערדרייפאכט עס,
איידער א פריינד פון דיזער זארטע זאל
א האר פערליערען דורך באססאניא׳ס שולד.
קומט ערסט מיט מיר אין קירכ׳, און רופט מיך פרוי;
דען קיינמאל זאלט איהר לעבען פארציא׳ס זייט
נים ליגען מיט א שווערע זעעלע. איהר
וועט האבען גאלד צו צאהלען צוואנציג פאך
דיא קליינע שולד. ווען עס וועט זיין בעצאהלט,
ברענגט אייער וואהרען פריינד אהער. איך און
מיין מויד נעריססא, וועלען לעבען דא
וויא מיידלאך און אלמנות. קומט מיט מיר;
גלייך נאך דער טרויאונג רייזט איהר אב פון היער.
הייסט איי׳רע פריינד ווילקאמען זיין; ווער פרייער;
קאסט איהר מיך פיעל, וועל איך איך האלטען טהייער.
דאך לעזט מיר פאר דעם בריעף פון אייער פריינד.

באססאניא. (לעזט) „זיסער באססאניא, מיינע שיפען זיינען אלע פעראונגליקט געווארען; מיינע קרעדיטארען ווערען גרויזאם; מיין פערמעגען איז זעהר קליין; מיין וועקסעל ביי דעם יידען איז פערשפיעלט: און אזוי וויא בעצאהלען דעם וועקסער איז עס אונמעגליך, דאס איך זאל בלייבען לעבען; וועט אלעס, וואס דוא ביזט מיר שולדיג, זיין בעצאהלט, אויב דוא וועסט נאר קומען מיך זעהען אין דעם טאג פון מיין טוידט. פון דעסטוועגען, טהו וויא דיר איז בעקוועם. אויב דיין ליעבע צו מיר רעדט דיך ניט איין צו קומען, זאל דיך מיין בריעף ניט איינרעדען“.

פארציא. מיין געליעבטער,
ווארפט אלץ אוועג, און נעהמט דעם אויגענבליק.

באססאניא. זיים איהר ערלויבט מיר רייזען מיט פערנגינגען.
וועל איך מיך איילען; דאך ביז איך קום צוריק,
וועל איך גאנץ זיכער אין קיין בעט ניט ליגען:
קיין רוהע זאל אונזביידען ניט פערוויגען.
(אלע אב.)

דריטע סצענע.

וועגעדיג. א גאס.

(שאילאק, סאלארינא, אנטאניא און געפענגנים-וועכטער טרעטען איין)

שאילאק ניעב אויף איהם אכט געפענגנים-וועכטער. רעד
מיר ניט פון מיטלייד: דאס איז דאס דער נאר,
וואס האט געליהען געלד נאר אהן פראצענט.
ניעב אכט אויף איהם, געפענגנים וועכטער.

אנטאניא. הער מיך נאר רעדען, גוטער שאילאק.

שאילאק. איך וועל דעם אבמאך האבען. האסט מיך הונד
גערופען, איידער דוא האסט נאך געהאט
אן אורזאכע; דאך, 'זוי וויא 'ך בין א הונד,
היט זיך פאר מיינע צייהן. מיך וואונדערט דוא
נאכלעסיגער געפענגנים-וועכטער, וואס
דוא ליעבסט אזוי מיט איהם הערומצוגעהן
אויף זיין פערלאנג.

אנטאניא. איך בעט דיך, הער מיך רעדען.

שאילאק איך וועל מיין אבמאך האבען: איך וועל וויעדער דיך
ניט הערען רעדען. 'ך וועל מיין אבמאך האבען,
און דארום רעד ניט מעהר. איך וועל ניט ווערען
א זאנפטער, בליגדער נאר, שאקלען דעם קאפ,
נאכגעבען, זיפצען און זיך אונטערגעבען
צו קריסטליכע פערמיטלער. געה ניט נאך.
וואס טויג מיר רעד? איך וועל מיין אבמאך האבען. (אב)

סאלארינא. דאס איז דער אונערבארמליכסטער הונד,

וואס האט זיך אויפגעהאלטען ווען מיט מענשען.

אַנטאניא. לאזט איהם צופריעדען. ׳ך וועל איהם מעהר ניט נאכגעהן
מיט נוצלאָזע בקשות. ער פערלאנגט
מיין לעבען. ׳ך ווייס זיין גרונד גאנץ גוט. ׳ך האב אפט
בעפרייט פון זיינע לאפעס פיעלע, וואס
האבען צייטענווייז זיך פאר מיר בעקלאגט:
דארום האסט ער מיך.

סאַלאַרינאָ. ׳ך בין זיכער, דאס דער הערצאָג וועט ניעמאלס
ערלויבען, דאס דער אָנוועהר זאָל זיין גילטיג.

אַנטאָניאָ. דער הערצאָג קען דאָך ניט פערלייקענען
דעם גאנג פון דאס געזעץ; דען אויב דיא רעכטע,
וואס פרעמדע האָבען אין ווענעדיג, זאָלען
א מאָל פערלייקענט ווערען, וועט עס שטארק
אָנקלאָגען דיא גערעכטיגקייט פון שטאאַט;
דען אויך דער האנדעל און דיא איינקונפט פון
דער שטאאט געהערט צו אלערליי נאַציאָנען.
ד׳רום געה דיר; דיזע שמערצען און פערלוסטע,
האָב׳ן מיך אזוי הערונטערגעבראַכט אין גוף,
דאס ׳ך וועל נאך האבען קוים א פונט פלייש פאר
מיין בלוטיגע קרעדיטאָר. אלזא, געה נאָר,
געפענגנים-וועכטער. בעט דוא גאָט, באססאניאָ
זאָל קענען זעהן, וויא איך בעצאהל זיין שולד,
און דאן ארט מיך קיין זאך ניט. (אב

פיערטע סצענע.

בעלמאָנט. א צימער אין פארציא׳ס הויז.

(פארציאַ נעריססאַ, לאָרענצאָ, יעססיקאַ און בלשאַצר טרעטען אויף.)

לאָרענצאָ. פריילען, — אבוואהל איך זאג עס, ווען איהר זייט
דערביי, איהר האט א נאָבלען, אמת׳ען
בעגריף פון געטער—גלייכער פריינדשאפט.

חעלכעס ערשיינט אם דייטליכסטעי דעריי,
וואס איהר טראגט איבער ׳זוי נעדולדיג דיא
אבוועזענהייט פון אייער הערר. אבער,
ווען איהר וואָלט נאר נעוואוסט, וועמען איהר צייגט
עס דיזע עהרע, וואס פאר אן עדעלמאן
איהר שיקט צו הילפע, וואס פאר א טהייערן ליעבלינג
פון אייער מאן, מיין הערר, וואלט איהר, איך ווייס, זיין שטאלצער
אויף דיזער טהאט וויא אויף געוואוינליכער
פריינעבינקייט.
פאָרציא. ׳ך האב קיינמאל קיין חרטה ניט נעהאט,
ווען איך האב גוטס געטהאן, און וועל ניט יעצט.
דען אין קאמראדען, וועמעס זעעלען טראגען
א גלייכע לאסט פון ליעבע, וועלכע רעדען,
און ברענגען אויס דיא צייט צוזאמען, מוז
נויטוועגדיג זיין א גלייכע פראפארציאן
פון ציענע, זיטען, און פון גייסט. דאס מאכט
מיך דענקען, דאָס אנטאָניאָ, זייענדיג
דער הערצענס-ליעבלינג פון מיין הערן, מוז
נויטהוועגדיג זיין ׳זוי, וויא מיין הערר. אויב ׳ס איז
אזוי, וויא וועניג טרעפט עס א„ וואס איך
האב אבגעגעבען אויסצוקויפען
דיא עהנליכקייט פון מיין נשמה פון
דעם שטאנד פון גיהנם׳דיגער גרויזאמקייט!
דאס אבער האלט שוין גאר ניט ווייט פון זעלבסט-לויב;
דארום, ניט מעהר דערפון. הערט עמוואס אנדערס.
לאָרענצא, ׳ך גיעב יעצט אָב צו איי׳רע הענד
דיא אויפזיכט און דיא פיהרונג פון מיין הויז,
ביז אונזער הערר וועט ווידער קומען. וואס
מיר אנבעלאנגט, האב איך געשווארען א
געהיימע שבועה דאָ צו לעבען, פון
נעריססא נאָר בעגלייטעט, אין געבעט
און אין געדאנקען, ביז דאס ווידערקומען פון

איהר מאן און פון מיין הער. צוויי מייל פון דאנען
איז דאָ א מאנאסטיר, און דאָרטען וועל׳ן
מיר זיין דיא צייט. ׳ך פערלאנג פון אייך איהר זאָלט
זיך ניט ענטזאגען פון דער פפליכט, וועלכע
מיין ליעבע, און, טהיילוויז, נויטהווענדיגקייט,
לעגט יעצט אויף אייך הערויף.

לאָרענצאָ. פריילען, פון גאנצען הערצען. איך וועל אייך
אין יעדען עהרליכען בעפעהל געהאָרכען.

פאָרציאָ. מיין דיענערשאפט וויים שוין, וואס איך פערלאנג,
און וועלען אייך און יעססיקא בעטראכטען
אינ׳ס פלאץ פון לארד באססאניא, און מיך זעלבסט.
׳זוי זיים געזונד, ביז מיר זעהן זיך ווי׳עדער.

לאָרענצאָ. שעהנע געדאנקען און שטונדען גליקליכע
זאָל׳ן זיין מיט אייך!

יעססיקא. ׳ך ווינש אייער גנעדיגקייט דיא הערצליכסטע
צופריעדענהייט!

פאָרציאָ. דאנקע פאר איי׳רע ווינשע; און מיר מאכט
פערגניגען אייך דאס זעלביגע צו ווינשען.
לעב וואהל, יעססיקא!

(יעססיקא און לארענצא אָב.)

יעצט, בלשאצר, ׳זוי
ווי׳א דוא ביזט אימער מיר געוועזען טריי,
זיי עס אויך יעצט. נעהם דיזען זעלבען בריעף
און ברויך דיין גאנצע מענער־ענערגע
צו געהן געשווינד קיין פאדוא. זעה, דאָס
דוא גיבסט עס אָב מיין פעטער, דאָקטאָר
בעללאריא, אין האנד; און זעה, וועלכע
אָנציינע און נאָטיצען דוא בעקומסט
פון איהם, און ברענג זיי אין דער גרעסטער האסט
צום איבערפאהרט ביים אלגעמיינעם שיף
וואָס פאָהרט אום קיין ווענעדיג. ניט פערליער
קיין צייט אין רעדען. זעה נאָר, דאס דוא געהסט.

איך וועל זיין דאָרט, איידער דוא קוממסט אהין.

בלשאַצר. פריילען, איך געה מיט דער העכסט-פּאסענדסטער נייבקייט. (אָב.)

פּאָרציאַ. נעריססאַ, קום; איך האָב אין קאָפּ א פּלאַן, וואס איז דיר גענצליך אונבעקאנט. מיר וועלען זעהן אונזערע מענער נאָך בעפאָר, זיי וועלען פון אונז דענקען.

נעריססאַ. וועלען זיי אונז זעהען?

פּאָרציאַ. יאַ: אבער אין אזעלכע קליידער, דאס זיי וועלען דענקען, דאס מיר האבען, וואס אונז פעהלט. איך וועט מיט דיר, אין וואס דוא ווילסט, ווען מיר וועל'ן זיין געקליידט, וויא יונגע לייט, וועל איך פון ביידען זיין דער שעהנערער.
איך וועל מיין דעגען טראָגען מיט מעהר מוטה, וועל רעדען מיט א פייפּעל-שטימע, וויא א ייִנגעל, וועלכער האלט ביים ווערען מאַן.
'ך וועל מיינע איינגעהאַלט'נע טריט פערוואנדלען אין מענער-שריט, און רעדען פון געשלעג, 'זוי וויא א פיינער, פּלאַפּלענד'גער יונג.
'ך וועל זאגען מאָדנע ליגען, וויא געעהרטע דאמען זיינען קראַנק געוואָרען און געשטאָרבען, ווייל זיי האבען מיך געליעבּט און 'ך האב זיי ענטזאגט.—עס וואר ניט צו העלפען— 'ך וועל דאַן חרטה האבען, און ווינשען, דאס איך וואָ־ט זיי ליעבער ניט געטוידט. און צוואנציג אזעלכע קליינע ליגען וועל איך זאָגען, דאס מענער וועלען שווערען, דאס איך בין הערויס פון שוהל ערסט מיט א יאָהר צוריק.
איך האב אויפ'ן קאָפּ א טויזענד שמר'סקע שטיק פון דיזע פּלאַפּלענדיגע חברה-לייט, מיט וועלכע איך וועל פּראקטעצירען.

נעריססאַ. וויא, וועלען מיר זיך איבערמאכען דען

פאר מענער?

פארציא. פוי, וואס פאר א מיאוס'ע פראגע
וואלט דאס געוועזן אין דער אנוועזענהייט
פון א פערדארבענעם פסרטייטשער. אבער
קום, 'ך וועל דיר זאגען וועגען גאנצען פלאן,
ווען איך וועל זיין אין פוהר, וואס ווארט אויף אונז
ביים גארטענ-טויער. לאמיר זיך יעצט איילען;
מיר מוזען היינט אבערייזען צוואנציג מיילען.

(אב.)

פינפטע סצענע.

דיא זעלבע. א גארטען.

(לאנצעלאט און יעססיקא טרעטען אויף).

לאנצעלאט. יא, אין דער אמת'ען, — דען, זעהט איהר, דיא זינד פון דיא פא־טער ווערלען פאלען אויף דיא קינדער; דרום, 'ך פערשפרעך עס אייך, האב איך פאר אייך מורא. איך בין מיט אייך אימער געוועזען אפענהערציג, און אזוי רעד איך יעצט הערוים מיין אויפרעגונג וועגען דער זאכע: דרום זייט מונטער; דען, אין אמת'ען, איך דענק איהר זייט פערדאמט. עס איז נאר דא איין האפנונג דערין, וואס קען אייך גוטס טהאן: און דיזע איז אויך נאר א מין ממזר'שע האפנונג.

יעססיקא. וואס פאר א מין האפנונג איז דאס, ביטע?

לאנצעלאט. דיא האפנונג, דאס אייער טאטע איז ניט אייער טאטע, און דאס איהר זייט ניט דעם יידענס טאכטער.

יעססיקא. דאס וואלט ווירקליך געוועזען אנ'ארט ממזר'שע האפנונג: אבער דאן וואלט דיא זינד פון מיין מוטער פאלען אויף מיר.

לאנצעלאט. אין דער אמת'ען אלזא, 'ך האב מורא, דאס איהר זייט פערדאמט אי פון פאטער'ס צד, אי פון מוטער'ס צד: און אזוי נאר, וויא איך ויייך אויס אייער פאטער סצילא פאל איך הערייין אין כאריבדים אייער מוטער. אלזא, איהר זייט א פארפאלענע פון ביידע צדדים.—

יעססיקא. איך וועל גערעטעט ווערען דורך מיין מאן: ער האט מיך געמאכט פאר א קריסטין.

לא־ענצא. ווארהאפטיג, דעססא מעהר פערדיענט ער געטאדעלט צו ווערען:

מיר זיינען נעוועזען נענוג קריסטען פריהער : אזוי פיעל זאנאר, וויא עס האבען נעקענט לעבען נוט איינער פון דעם צווייטען. דיזע קריסטען־מאכעריי וועט העכערען דעם פרייז פון חזרים : אויב מיר ווערען אלע חזיר־פרעסער, וועלען מיר אין ניכען ניט האבען פאר געלד א פאסיקעל אויף דיא קוילען. —

(לארענצא טרעט אויף.)

יעססיקא. איך וועל זאגען מיין מאן, וואס דוא זאגסט, לאנצעלאט; אט קומט ער.

לארענצא. איך וועל אויף דיר אין ניכען אייפערזיכטיג ווערען, לאנצעלאט, וואס דוא נעהמסט מיין פרוי אזוי אין דיא ווינקעלאך.

יעססיקא. ניין, דוא דארפסט פאר איהם קיין מורא ניט האבען, לארענצא; דען איך און לאנצעלאט זיינען צוקריגט. ער זאגט מיר פאזיטיוו, דאס עס איז פאר מיר ניטא קיין ערבארמונג אין הימעל, ווייל איך בין א יידענ׳ס א טאכטער. און ער זאגט אויך, דאס דוא ביזט ניט קיין גוטער מיטגליעד פון דער געמיינדע, ווייל דאדורך, וואס דוא מאכסט פון יידען קריסטען העכערסטו דעם פרייז פון חזיר.

לארענצא. איך וועל דאס לייכטער פערענטפערן פאר דער געמיינדע, וויא דוא דאס פול־מאכען פון דער נינערקעם בויך : דיא מורין איז ביי דיר טראגעדיג, לאנצעלאט.

לאנצעלאט. עס איז פיעל, דאס דיא מורין זאל זיין מעהר וויא פערשטאנד;*) אבער אויך זיא איז וועניגער וויא אן עהרליכע פרויענצימער, איז זיא ווירקליך מעהר וויא איך האב גערעכענט.

לארענצא. וויא יעדער נאר קען שפיעלען מיט ווערטער! איך דענק, דאס דער גרעסטער חן פון שארפזין וועט באלד פערשווינדען, און געשפרעך וועט ווערען לויבענסווערטה און קיינע אנדערע בראוים, וויא נאר אין פאפאגייען. געה הערייז, דוא סוחר; הייס זיי זיך פארבערייטען צום מיטאג־עסען.

לאנצעלאט. דאס איז שוין געטהאן געווארען, מיין הערר : זיי האבען מאגענס.

לארענצא. נאט אין הימעל, וואס פאר א שארפזינ־קנאקער דוא ביזט ! טא הייס זיי צוגרייטען מיטאג

לאנצעלאט. דאס איז שוין אויך געטהאן געווארען, מיין הערר; נאר „גרייטען" און דאס ווארט.

לארענצא. ווערסטו אלזא גרייטען דעם טיש, מיין הערר?

לאנצעלאט. דאס אויך ניט, מיין הערר. איך ווייס, וואס איך האב צו טהאן.

*) דאס איז א ווארט־שפיעל און אריגינאל, וועלכען מען קען ניט איבערזעצען אין שפראכען.

לאָרענצא. נאָך מעהר צאנקעריי מיט אבזיכט. ווילסטו הערויסצייגען דאס גאנצע רייכטהום פון דיין שארפזין אין איין אויגענבליק? איך בעט דיך, פערשטעה א פראסטען מענשען אין זיין פראָסטער מיינונג. געה צו דיינע קאמעראדען, הייס זיי גרייטען צום טיש, דערלאנגען דאס פלייש. און מיר וועלען הערייקומען צו מיטאג.

לאַנצעלאָט. וואס אנבעלאנגט דעם טייש, וועט ער דערלאנגט ווערען; וואָס אנבעלאנגט דאָס פלייש, וועט ער געגרייט ווערען; וואס אנבעלאנגט אייער הע־רייקומען צו מיטאג, זאל עס זיין, וויא דער שגעון און דער בעגריף וועלען היי־סען. — (אב.)

לארענצא. אַ ליעב׳ פערשטאנד, וויא ׳ס קלעפען זיינע ווערטער
דער נאר האָט זיך העריינגעפלאנצט אין קאָפּ
אַ גאנצע ארמעע פון גוטע ווערטער; און
איך קען א היבשע ביסעל נארען, וואָס
פערנעהמען מעהר געעהרטע פלעצער, ׳זוי
פערפוצט וויא ער, וואָס לאזען אויס דעם תוך
געדאנק פאר א גלייכווערטעל.—וויא איז דיר
צו מוטה, מיין יעססיקא? -- און יעצט, מיין זיס׳
געליעבטע זאָג מיר, וועלכע מיינונג האָסטו
׳ועגען לאָרד באססאניא׳ס פרוי?

יעססיקא. דיא אונאויסשפרעכליך בעסטע מיינונג, עס
וואלט געווען זעהר פאסענד, דאס דער לאָרד
באססאניא זאל זיך עהרליך פיהרען; דען
בעזיצענדיג אזא מין ברכה אין
זיין פרוי, האט ער דיא פרייד פון הימעל אויף
דער ערד. און אויב ער מיינט ניט עהרליך זיין
אויף דר׳ערד, איז דאס געגוג ער זאל דערפאר
ניט געהן אין הימעל.—יא, אויב צוויי געטער
זאל׳ן זיך פערמעסטען אין א הימעל־שפיעל.
און זיך פערוועטען אין צוויי ערדענ־פרויען,
און איינס פון דיזע פרויען זאָל זיין פאָרציאַ,
דאן וואלט מען צו דער צווייטער נאך געדארפט
עפּעס צולעגען: דען דיא ארימע

און גראבע ווילט בעזיצט איהר גלייכען נים.

לארענצא. און גראדע אזא מאן האסטו אין מיר,

וויא זיא איז, אלס א פרוי. —

יעססיקא. יא, אבער פרעג מיין מיינונג אויך דעריין.

לארענצא. איך וועל באלד · אבער לאמיר נעהן צוערסט

צו מיטאג.

יעססיקא. ניין, לאמיך דיך לויבען ווערענד

איך האב נאך אפעטיט.

לארענצא. יך בעט דיך, זאל

דאס זיין אנ'אונטערהאלטונגס-געגענשטאנד

ביים טיש: דאן, וויא דוא זאלסט נים רעדען, וועל

איך עס פערדרייען.

יעססיקא. רעכט איך וועל דיך דערלאנגען. (אב.)

ענדע פון דריטען אקט.

פיערטער אקט.

ערשטע סצענע.

ווענעדיג. א געריכטס-זאאל.

(דער הערצאג פון ווענעדיג, סענאטארען, אנטאניא, באססאניא, גראציאנא, סאלארינא, סאלאניא, און אנדערע טרעטען אויף.)

הערצאג. איז אנטאניא דא?

אנטאניא. בערייט, וויא אייער גנעדיגקייט פערלאנגט.

הערצאג. עס טהוט מיר לייד פאר דיר. דוא ביזט געקומען

ענטפערן א שטיינערדיגען שונא, אנ'

אונמענשליכע, געמיינע בריאה,

וואס האט אין זיך קיין טראפען מיטלייד נים.

אנטאניא. איך האב געהערט ראס אייער גנעדינקייט

האט זיך פיר מיר פיעל מיה געגעבען צו

פערלײכטערן זײן שטרענגקײט אין דער קלאַגע
דאָך ׳זוי וויא ער פערבלײבט האַרטנעקיג, און
קײנע געזעצליכע מיטעל קענען מיך
ניט ברײנגען וואו זײן אײפערזוכט זאל מיך
ניט גרײכען, שטעל איך מײן געדולדיגקײט
נעגען זײן ווילדען כעס און בין בערײט
צו לײדען מיט א שטילקײט פונ׳ם גײסט
זײן סאַמע טיראַנײ און ווילדען צאָרן.

הערצאָג. פאָרווערטס, און רופט דעם יידען אין געריכט.

סאַלאַניא. ער שטעהט שוין גרײט בײם טהיר; ער קומט, מײן לאָרד.

(שײלאָק טרעט אויף.)

הערצאָג. מאכט פלאַץ, און לאָזט איהם שטעהן פאר מײנע אויגען.
שײלאָק, דיא וועלט דענקט, און אז׳י דענק איך, דאס
דוא האַלסט זיך נאָר אָן דיזער זאַרטע פון
בײזמוטהיגקײט ביז צו דער לעצטער שעה
פון דער פערהאַנדלונג; דאַן, דענקט מען, וועסטו
בעווײזען דײן רחמנות און חרטה, וואס
איז זאָנדערבאַרער וויא דײן מאָדנע און
דײטליכע גרויזאַמקײט. און ׳שטאָט וואס דוא
צווינגסט יעצט הערויס דיא שטראַפע, (וועלכע איז
אײן פונט פון דיזען אָרמען קויפמאַנ׳ס פלײש)
וועסטו ניט נור פערליערען דעם פונט פלײש
נור, זײענדיג גריהרט פון מענשליכער
צאַרטהערציגקײט און ליעבע, מוחל זײן
א טהײל פון קרן, וואַרפענדיג א בליק
פון מיטלײד אויף דיא שאַנדעס וועלכע האבען
זיך דיא לעצטע צײט הערויפגעדרענגט
אויף איהם,—שאַדענס וואס קענען אונטערברײנגען
א קעניגליכען קויפמאַן און אויסרײסען
רחמנות פאר זײן שטאַנד פון מעססינג׳ענע,
פון גראָבע, שטײנערדיגע הערצער, פון
האַרטנעקיגע טאַרטאַרען, און פון טערקען,

וואס זיינען ניט געוואוינט צו טהאָטען פון
גוטהערצינער געפעללינקייט.—מיר אלע
ערוואַרטען יעצט א מילדע אנטוואָרט, ייד.

שאַילאָק. איך האב אייער גנעדינקייט בעקאנט געמאכט
מיין אבזיכט און ביי אונזער שבת קודש
האב איך געשווארען, דאס צו קריגען וואס
איז אפגעמאכט אין וועקסעל. ניעבט איהר דאס
מיר ניט, זאל דיא געפאהר דאן פאלען אויף
דעם בונדעס-שיין פון שטאאט, און אויף דער פרייהייט
פון אייער שטאדט.—איהר וועט מיך פרעגען ווארום
מיר ווילט זיך ליעבער איין פונט פאדלע-פלייש
אנשטאט דריי טויזענד דוקאטען, וועל איך אייך
ניט ענטפערן, נור זאגען עס איז מיין
שנעון. איז דאס שוין פערענטפערט?—
וויא וואָט זיין ווען מיין הויז וואלט ליידען פון
א מויז, און איך וואלט וועלען געבען צעהן
טויזענד דוקאטען צו פערטרייבען זיא?—
וויא, האב איך שוין געענטפערט?—מאנכער האט
ניט ליעב א חזיר מיט אנ׳ אפגענעם מויל;
מאנכער ווערט ווילד ווען ער דערזעהט א קאץ;
און מאנכער, ווען דיא דודע זינגט אין נאז,
בעפיעשט זיך;—דען דיא נייגונג, וועלכע הערשט
איבער דער ליידענשאפט, מאכט דאס מען זאל
וואס ליעבען אדער האסען;—יעצט דיא אנטוואָרט:
זוי וויא מען קען קיין פעסטען גרונד ניט געבען
ווארום דער האט ניט ליעב א חזיר מיט
אנ׳אפגענעם מויל, דער אנ׳אונשעדליכע,
נויטוועגדינע קאץ, און דער א גראבע דודע,
און, זייענדיג אליין בעליידיגט מוז
ער נאך דיא שאנדע האבען דאס צו טאהן,
וואס איז ניט רעכט.—אזוי קען איך קיין גרונד
ניט געבען, און איך וויל אויך ניט, ווארום

איך פיר ׳זוי א פערשפּיעלענדען פּראָצעס
נעגען אנטאָניאָ, מעהר ניט וויא א טיעף,
שטאַרק־איינגעגעס׳נעם האַס, און א געוויסע
פעראכטונג וואס איך האב פיר איהם.—זייט איהר געענטפערט?—

באַססאַניאָ. דאס איז ניט קיין ענטפער, דוא
אונפיהלענדער מענש, וואס קען ענטשולדיגען
דאס שטראָמען פון דיין גרויזאמקייט.

שאַילאק. ׳ךְ בין ניט
פערפליכטעט דיך צופריעדען שטעלען מיט
מיין אנטוואָרט.

באַססאַניאָ. טוט יעדער מענש דיא זאַךְ וואס ער האט פיינד?

שאילאק. האסט יעמאנד דאס וואס ער וואָלט ניט געטויט?

באַססאַניאָ. יעטווידע אונגערעכטע טהאַט איז ניט
סיין האַס אין אָנפאנג.

שאַילאָק. וויא וואָלסטו ווערען דאס
א שלאַנג זאל דיך נאך צוויי מאל בייסען?

אַנטאניא. איך בעט אייך, האט אין זינען דאס איהר רעדט
רא מיט דעם יידען.—גראדע אזוי גוט
קענט איהר זיך שטעלען נעבען ברעג, פון ים
הייסען דיא כוואַליעס ניט צו זיין ׳זוי הויך;
גראדע אזוי קענט איהר געהן טענה׳ן מיט
דעם וואָלף, ווארום ער האט געמאכט דיא שעפס
זאל מעקען נאך איהר לעמעלע; אזוי
קענט איהר דיא זאייכען—בוימער פון דיא בערג
פערוועהרען ניט צו שאָקלען זייערע שפּיצען
און קיין ליארעם ניט צו מאכען ווען
דיא שטארקע הימעלס-ווינטען רייצען זיי.
אזוי לייכט קענט איהר טאָהן דיא שווערסטע זאַך:
וויא מאכען ווייכער (וואס איז הארטער דען
פאר איהר?), זיין יידיש הערץ. איך בעט אייך דרום
שלאגט זיך איתם מעהר ניט אָן און בּרויכט קיין אנד׳רע
מיטעל מעהר, נור מיט דער קורצעסטער

און איינפאַכסטער בעקוועמליכקייט, גיעבט מיר
מיין אורטהייל, און דעם אידען וואס ער וויל.

הערצאָג. וויא קענסטו האפען אויף רחמנות, ווען
דוא זעלבסט האסט קיין רחמנות נים?

שײלאק. פאר וועלכער שטראפע זאל איך מורא האבען,
נים טהוענדיג קיין שלעכטס? איהר האט ביי זיך
א סך געקויפטע שקלאפען, וועלכע איהר בענוצט
וויא אייערע עזלען, הינד און קעמלען,
פאר גראָבע שקלאפען-ווערק. וויל איהר האט די
געקויפט. זאל איך אייך זאגען: זאלען זיי
זיי פריי? פערהייראטה זיי מיט איי'רע יורשים,
וואס שלעפען זיי מיט שוויים דיא שווערע לאסטען?—
זאלען זייערע בעטען זיין געמאכט 'זוי ווייך
וויא אייערע, און זאלען זייערע גומענס
אויף פיהלען דעם געשמאק פון גוטע שפייז?
איהר וועט מיר ענטפערן: „דיא שקלאפען זיינען
אונזערע."—„זוי ענטפער איך: דער פונט
פלייש וועלכען איך פערלאנג פון איהם קאסט מיך
א סך; ס'איז מיינס; און כ'וועל איהם האבען. אויף
איהר לייקענט מיר איהם אפ, דאן פוי אויף איי'ר
געזעץ! דאן איז קיין קראפט ניטא אין דיא
געזעצע פון ווענעדיג.—כ'ווארט דא אויף
אנ'אורטהייל; ענטפערט: וועט איהר מיר עס געבען?

הערצאָג. אויף עהרענוואָרט, איך מעג ענטלאסען דאס
געריכט, סיידען בעללאַריאָ, דער געלעהרטער,
נאך וועלכען 'ך האָב געשיקט דיא זאכע צו
ענטשיידען, וועט נאך קומען היינט א הער.

סאַלאַניאָ. מיין לארד, דאָ שטעהט אין דרויסען א קוריער
מיט בריעף פונ'ם דאָקטאָר פון פאדוא; ער
איז ערשט געקומען

הערצאָג. ברייננ מיר דיא בריעף, און רוף מיר דעם קוריער.

באססאניא. פריילעך, אנטאניא! — עה, מענש, נים פערליער
קיין מוטה! דעם ייד וועט קריג'ן מיין פלייש, מיין בלוט,
דיא ביינער, און אלצדינג, איידער דוא זאלסט
איין טראָפּען בלוט פאר מיר פערליר־ען.

אנטאָניא. 'ך בין אין דער סטאדע א געפלעקטע שאָף,
וואָס איז אם פּאססענדסטען פארן טויט. דיא פרוכט,
וואס איז דיא שוואכסטע, פאלט ארונטער אויף
דער ערד דאס ערשטע; און אזוי לאמיך.
דוא קענסט קיין בעסערע בּעשעפטיגונג,
נים האבען, באססאניא, וויא צו בּלייבען
לעבען, און צו שרייבען אויף מיין קבר ווער
דאָרט ליגט.

(נעריססא טרעט אויף פערקליידעט אלס אנ'אדוואָקאט'ס געהילפע.)

הערצאג. זייט איהר געקומען פון פאדוא, פון בעללאריא?

נעריססא. פון ביידע, מיין לארד.
בעללאריא גריסט איי'ר גנעדינקייט.

(גיעבט איהם איבער א בריעף)

באססאניא: וואס שארפסטו דען דיין מעסער אזוי ערנסט?

שאילאק. דעם אָנוועהר אפצושניידען פון דער לייב
פון יענעם באנקראָטירער.

גראציאנא. נים אויף דיין זייל, נור אויף דיין זעלע שארפסטו
דיין מעסער אָן. דאך קיין, מעטאל אויך נים
דעם תליונ'ס האק, קען 'זוי א העלפט 'זוי שארף
...יא ס'איז דיין קנאה. קען דיך קיין געבעט
...ט ריהרען?

שאילאָק. קיין געבעט וואס דיין פערשטאנד
קען אויסגעפינען.

גראציאנא. אָ זיי דוא פערדאמט,
דוא איינגעשפארטער, מיטליידס־לאזער הונד.
און פאר דיין לעבען זאל דיא גערעכטינקייט
בעשולדיגט זיין. דוא מאכסט מיך שוואך ביינאה
אין גלויבען, און איך וואָלט יעצט קענען זאגען

מיט פהיטאנאראס דאס דיא זעעלען
פון חיות נעהען איבער אין דיא קערפער
פון מענשען; דען דיין גייסט, דער הינטישער
האט וועדנים-איז רעניערט א וואלף וועלכען
מען האט נעהאנגען פיר איין מענשען-מארד.
און וועהרענד מען האט איהם נעהאנגען איז
זיין בייזע זעעלי אוועקנעפלויגען פון
דער תליה און העריין אין דיר אלס דוא
ביזט נאך נעלעגען אין דער פינסטער אין
דיין מוטער׳ס בויך. דען דיינע ווינשע זיינען
וועלפיש, בלוטיג, טויטליך — הונגעריג, און
פערשלינגענד.

שאילאק. ביז דוא קענסט הערונטער שפאטען
דעם זיעגעל פון מיין וועקסעל. גרייפסטו זיך
נאר אן דיא לונגען ריידענדיג ׳זוי לויט.
פערדריכט דיין שכל, גוטער יונגער מאנטשיק,
אדער פון איהם וועט בלייבען מעהר ניט וויא
אנ׳אונהיילבארע חורבה. איך פערלאנג
דא דאס געזעץ.

הערצאג. בעללאריא׳ס בריעף רעקאממענדירט אונז צום
געריכט א יונגען, און נעלעהרטען דאקטאר.
וואו איז ער?

נעריססא. ערווארט ניט וויים פון דאנען,
צו וויסען אייער אנטווארט אויף איהר לאזט
איהם צו.

הערצאג. פון גאנצען הארצען, זאלען דריי צו פיער
פון אייך איהם נעהן אנשטענדיג ברייגנען דא
צופיהרען. אונטערדעסען וועלען דיא
פערזאממעלטע הערען בעללאריא׳ס בריעף.

(דעם דאקטאר׳ס געהילפע לעזט:

„אייער גנעדיגקייט זאל פערשטעהן, דאס ביים ערהאלטען פון אייער בריעף
בין איך זעהר קראנק. אבער אין דעם זעלבען אויגענבליק האט אייער קוריער אין

שאילאק

נעקומען איז מיט מיר געווען אויף א ליעבעס-בעזוך א יונגער דאָקטאָר פון רוים. זיין נאמען איז בלתהזר. איך האָב איהם בעקאַנט געמאכט מיט דער שטרייטינ־קייט צווישען דעם יידען און אנטאָניא, און מיר האָבען איבערגעבלעטערט א סך ביכער צוזאמען. ער איז פערזעהען מיט מיין מיינונג, וועלכע פערבעסערט פון זיין אייגענער געלערטהייט, (וועלכעס גרויסקייט איך קען ניט גענוג לויבען,) קומט מיט איהם, אויף מיין דרינגענדער ביטע, צו ערפילען אייער גנעדיגקייט׳ס פערלאַנג אָנ־שטאָט מיר. איך בעט אייך, זאָל זיין מאַנגעל אין יאהרען ניט זיין קיין אפּהאַלט איהם צו געבען זיין ווירדיגע שעצונג; דען איך האָב נאך קיין מאהל ניט געקענט אזא יונגען קערפּער מיט אזא אַלטען קאָפּ. איך לאָז איהם איבער צו אייער גנע־דיגען עמפּפאַנגען און דיא פּראָבע פון זיינע פעהיגקייטען וועט צייגען דיא ווארהיים פון דער רעקאמענדאציאָן.״

הערצאָג. איהר הערט וואָס דער געלעהרטער בעללאַריא שרייבט. און דאָ, מיר דאכט זיך, איז דער דאָקטאָר געקומען. —

(פּאָרציא טרעט אויף, געקליידעט וויא א יוריסט.)

גיב מיר דיין האנד;
ביזטו געקומען פון בעללאַריאָ?

פּאָרציאָ. יא, מיין לאָרד.

הערצאָג. דוא ביזט ווילקאממען. נעהם דיין פּלאַץ. ביזטו
בעקאַנט שוין מיט דער קלאַגע צוליטב וועלכער
מען האלט דיא זיצונג אין געריכטס-הויז יעצט?

פּאָרציאָ. איך וויים דיא קלאַגע דורך און דורך. וועלכער
איז דא דער קויפמאן, וועלכער איז דער ייד?

הערצאָג. אנטאָניאָ און דער אלטער שאילאק, קומט ביידע
הערויס.

פּאָרציאָ. איז אייער נאמען שאילאָק?

שאילאָק. שאילאָק איז מיין נאמען.

פּאָרציאָ. אייער פּראָצעס איז זאָנדערבאַר, דאָך אין
ער פון דער אַרט דאָס דיא וועגעדיגער
געזעצע קענען אייך ניט ווידערשפּרעכען
לויט וויא איהר פיהרט איהם. — (צו אנטאָניא) איהר שטעהט אין זיין
געפאהר? — נים וואהר?

אנטאָניאָ. יא, אזוי זאָגט ער.

פאָרציאָ. זײט איהר מודה דעם וועקסעל?

אנטאָניאָ. יא.

פארציא. דאַן מוז דער ייד זײן מיטליידספאָל.

שאילאָק. דורך וועלכען צוואַנג מוז איך עס? זאָגט עס מיר.

פאָרציאָ. געצוואונגען איז ניט דאָס געפיהל פון מיטלייד,
עס פאלט הערונטער וויא א רעגענדעל
פון הימעל אויף דער ערד. עס איז צווייפאַך
געבענשט: עס בענשט דעמיענענען וואס גיעבט
עס, און דעם יעניגען וואס נעהמט; ס'איז אין
דיא מעכטיגסטע אָם מעכטיגסטען. עס פאַסט
פאר דעם געקרוינטען קעניג בעסער וויא
זיין קרוין, זיין סצעפטער איז א צייכען פון
אנ'ערדענ־מאכט, דער צונאב צו רעספּעקט
און מאיעסטעט, אין וועלכען ס'ליגט דיא אימה
און דיא שרעק פאר קעניגע. דאך מיטלייד
שטעהט העכער וויא דיא הערשאפט וועלכע איז
בעסצעפטערט. ס'האט א טהראָן אין הערצער
פון קעניגע; עס איז א טהייל פון גאט
אליין; און ערדענמאכט זעהט דאַן אויס נור
אָם עהנליכסטען צו גאט, ווען מיטלייד ווערט
געצייטיגט מיט גערעכטיגקייט. דארום,
דוא ייד, אבוואהל דוא בעטסט גערעכטיגקייט.
בערעכען דאס, דאס אויף דעם וועג פון דער
גערעכטיגקייט וואלט קיינער ניט פון אונז
געזעהן קיין זעלינקייט. מיר בעטען דאָ
פיר מיטלייד, און דאס זעלבינע געבעט
לערנט אונז אלעמען צו טהאָן דיא טהאטען פון
רחמנות. כ'האב 'זוי פיעל גערעדט אום צו
פערלייכטערן דיא גערעכטיגקייט פון דיין
פערלאנגען. אויב דוא בלייבסט דערביי, דאַן מוז
דאָס פינקטליכע געריכט — תּויז פון וועגעדיג

נעבען אנ'אורטהייל נעגען יענעם קויפמאן,

שאילאָק. דיא טהאטען מיינע אויף מיין קאפ! איך וויל
ס'נעזעץ, דיא שטראפע און דער אנוועהר פון
מיין וועקסעל.

פארציא. איז ער נים פעהיג צו בעצאהלען דיר?

באססאניאָ. יא, כ'גיב עס איהם דאָ אין געריכט הויז, — יא,
צווייפאך דיא סומע; און אויב דאס וועט ניט זיין
גענוג, וועל איך זיין פערפפליכטעט עס
צעהן מאהל צו צאהלען אויף דעם אנוועהר
פון מיינע הענד, מיין קאָפּ, מיין הערץ. אויב דאָס
וועט ניט גענוג זיין, מוז עס אויסזעהן דאָס
בייזמוטהינקייט צוויננט אונטער ווארהייט, און
איך בעט אייך, רייסט נאר איין מאהל דאס געזעץ
צו אייער אויטאָריטעט, און אום א גרויסעס רעכט
צו טאהן, טהוט יעצט א קליינע עולה, און
האלט איין דעם ווילען פון דיזען גרויזאמען
טייפעל.

פאָרציא. עס קען נים זיין, עס איז קיין קראפט ניטא אין
ווענעדיג, וואס קען ענדערן א געזעץ
וואָס איז בעגרינדעט. ס'וועט בעריכטעט
ווערען אלס א פארשריפט, און דורך דיזען
בייספיעל וועלען פיעלע טעות'ען זיך
הערייננהאפען אין שטאאט עס קען ניט זיין.

שאילאָק. א דניאל איז געקומען צום געריכט.
יא, א דניאל. אה, וויא עהרי' איך דיך,
דוא קלוגער, יונגער ריכטער.

פאָרציאָ. לאזט מיך א קוק טאהן, בימע, אויף דעם וועקסעל.

שאילאק אָט איז ער, העכסט-געלעהרטער דאקטאר,
אָט איז ער.

פאָרציאָ. שאילאָק, מען באָט דיר דרייפאך אָן דיין געלד!

שאילאָק. א שבועה, א שבועה, איך האָב א שבועה אין הימעל:
זאל איך נאך זינדיגען דורך שווערען פאלש?

פארציא. נון, דאן איז דיזער וועקסעל א פערשפּיעלטער,
און געזעצליך מעג דער ייד דורך איהם
פערלאנגען איין פונט פלייש, וועלכען ער זאל זעלבסט
אפשניידען, נאהענט וויא נאר מעגליך פון
דעם קויפמאנ׳ס הערץ. זיי מיטליידספאל.
נעהם דרייפאך דיר דיין געלד, און הייס מיר דא
צורייסען דיזען וועקסעל.

שאילאק. ווען ס׳וועט בעצאהלט זיין לויט דעם אבמאך.
איהר זייט בעקאנט מיט דאס געזעץ; אייער
ערקלערונג איז געווען דורכאויס פערשטענדיג.
ד׳בעפעהל אייך יעצט ביי דאס געזעץ פון וועלכער
איהר זייט אנ׳עהרענווערטהער זייל, הויבט אן
צו אורטהיילען. כ׳שווער ביי מיין זעעלע,
דיא מענשען-שפּראך בעזיצט קיין קראפט ניט מיך
צו ענדערן. איך שטעה דא פיר מיין וועקסעל.

אנטאניא. איך בעט דאס געריכט-הויז זעהר הערצליך
צו געבען דעם אורטהייל.

פארציא. זא מוזט
איהר אייער ברוסט בערייטען פיר זיין מעסער.

שאילאק. א נאבלער ריכטער, אויסגעצייכענטער
יונגער מאן!

פארציא. דען דיא אבזיכט און דער ציעל פון דאס געזעץ
געהערט זיך גענצליך צו דער שטראפע אן
וועלכע ערשיינט דא אויפ׳ן וועקסעל.

שאילאק. ס׳איז
זעהר וואהר, א קלוגער, און גערעכטער ריכטער!
מיט וויא פיעל ביזטו עלטער וויא דוא זעהסט אויס!

פארציא. דרום עפען אויף דיין ברוסט. —

שאילאק. יא, זיין ברוסט
׳זוי זאגט דער וועקסעל, זאגט ער ניט ׳זוי,
דוא נאבלער ריכטער?

פארציא. ס׳איז אזוי. איז דא

פאראן נעוויכט דאס פלייש צו וועגען?

שאילאָק. כ׳האב

זיי גרייט.

פאָרציא. האב דאָ א דאָקטאָר, שאילאָק, אויף

דיין רעכנונג, איינצוהאלטען זיין וואונד

פיכייכט פערבלוטעט ער צום טויט.

שאילאָק. איז דאָס אזוי פערשריעבען אין דעם וועקסעל?

פאָרציאָ. ס׳איז ניט ׳זוי אויסגעדריקט, וואָס מאכט עס אויס?

עס וואלט זיין גוט דוא זאלסט אזוי פיעל טאהן

אויס וואהלטהעטיגקייט.

שאילאָק. איך קען עס ניט

געפינען, ס׳איז נימא אין וועקסעל.

פאָרציאָ. נו, קויפמאנן, האסטו וואס צו זאָגען?

אנטאָניאָ. נור ווייניג, כ׳בין געשטארקט, און גוט בערייט.

גיבט מיר אייער האנד, באססאניאָ, זייט געזונד.

זאל אייך ניט קריינקען וואָס איך בין דערצו

דורך אייך געקומען; דען דערין צייגט זיך

דאס גליק נאך פריינדליכער ווי ס׳איז געוואָוינט.

עס איז נאָך אלץ געוואהנט צו לאזען דעם

ערנידערינסטען מענשען איבערלעבען

וואָס ער פערמענט, צו זעהען מיט א פוסטער אויג,

און א געקנייטשטען שטערן זיין ארמוטה אויף

דער עלטער; און פון דיזער לאנגער שטראף

שניידט זיא מיך אָפּ. רייד פון מיר גוטעס פיר

דיין עהרענווירדיגער פרוי. ערצעהלט איהר פון

אנטאניא׳ס ענדע. זאגט וויא כ׳האָב אייך

געליעבט. רעדט פון מיר גוטעס נאך מיין טויט. און,

ווען דיא געשיכטע וועט שוין זיין ערצעהלט,

הייסט איהר זיין ריכטער אויב באססאניאָ האט

נים ווען נעוואוסט א ליעבלינג. האט ניט קיין

חרטה וואס איהר וועט א פריינד פערליערען,

און ער האט קיין חרטה ניט וואס ער

בעצאהלט דיא שולד. דען אויב דער ייד
וועט נאר איינשניידען טיעף גענוג, וועל איך
עס צאהלען דיא מינוט מיט'ן גאנצען הארצען.

באססאניא. אנטאניא, כ'בין פערהייראטה צו א פרוי
וואס איז מיר טהייער וויא דאס לעבען זעלבסט,
דאס לעבען אבער זעלבסט, מיין פרוי און אויך
דיא גאנצע וועלט, שעץ איך ניט מעהרער וויא
דיין לעבען. איך וואלט אלץ פערליערען, יא,
אויפאפפערן זיי אלעמען, אט דא,
צו דיזען טייפעל, צו בעפרייען דיך.

פארציא. אייער פרוי וואלט אייך וויינינג וואס נעדאנקט
ווען זיא וואלט זיין דערביי צו הערען אייער
אנבאט.

גראציאנא. איך האב א פרוי, וועלכע, איך שווער, איך ליעב.
הלואי וואלט זיא געוועזען אין הימעל, צו
דערבעטען וועלכע קראפט צו ענדערן
דיזען הינטישען יידען.

נעריססא. ס'איז גוט וואס איהר באט אן הינטער איהר רוקען;
זאנסט וואלט דער וואונש געמאכט א רוהעלאזע הויז.

שאילאק. דאס זיינען זיי, דיא קריסטען-מענער! כ'האב
א טאכטער, הלואי וואלט אירגענד ווער
פונ'ם שטאם פון באראבאס, איהר מאן זיין איידער
א קריסט! — מיר ברייננען אוים דיא צייט, ביטע
זעצט פארט דעם אורטהייל.

פארציא. א פונט פון דיזען קויפמאנ'ס פלייש איז דיינס,
ס'גערינכט בעווילינגט, דאס געזעץ ערלויבט עס.

שאילאק. א עהרליכער ריכטער.

פארציא. דוא מוזט דאס פלייש אפשניידען פון זיין ברוסט.
ס'געריכט ערלויבט עס, דאס געריכט בעווילינגט.

שאילאק. דוא העכסט-געלעהרטער ריכטער! ס'איז אנ'אורטהייל!
קום, גרייט זיך צו.

פארציא. ווארט נאר א ווילע. ס'איז נאך דא וואס אנדערש.

דער וועקסעל גיעבט דיר דא קיין טראָפּען בלוט.
דיא ווערטער זיינען דייטליך: איין פונט פלייש.
נעהם דיר אַלזאָ דיין אבמאך, נעהם דיר דיין
פונט פלייש; אבער ביים שניידען עס, אויב דוא
פערגיעסט איין טראפּען קריסטען־בלוט, דאן איז
דיין לאנד און וואַארע, דורך דיא געזעצע פון
וועגעגדיג, קאנפיסצירט צום שטאאט וועגעדיג.

גראציאנא. אַ דוא געלעהרטער ריכטער! מערק דיר, ייד!
אַ דוא געלעהרטער ריכטער!

שאילאָק. איז דאס, דאס געזעץ?

פּאָרציאַ. דוא זעלבסט זאלסט זעהן דעם אקט. דען וויא
דוא דרינגסט איין פּאר גערעכטיגקייט, זיי זיכער
דוא זאלסט גערעכטיגקייט האָבען, מעהר וויא
דוא ווילסט.

גראָציאנא. אַ דוא געלעהרטער ריכטער: מערק דיר, ייד!–
אַ דוא געלעהרטער ריכטער!

שאילאָק. איך נעהם אלזא דיין אנבאט, צאהל מיר אָפּ
דעם וועקסעל דרייפאַד, און דער קריסט זאל געהן!

באָססאַניאָ. אָט איז דאס געלד.

פּאָרציאַ. פּאמעלאך!
דער ייד זאל האבען נור, גערעכטיגקייט.
ביזאכט; נור נים געאיילט! ער זאָל קיין זאך
נים האבען, נור דיא שטראפע!

גראָציאַנאָ. אַ ייד!
אַניעהרליכער ריכטער, אַ געלעהרטער ריכטער!

פּאָרציאַ. דרום גרייט זיך צו דאס פלייש צו שניידען, נים
פערגים קיין טראָפּען בלוט; און שנייד נים אָפּ
נים וויינינער, נים מעהר; נור פּונקט אַ פּונט.
אויב דוא געהמסט מעהרער אָדער וויינינער,
וויא פּונקט איין פונט,—זאָל עס זיך זיין 'זוי פיעל
וואס קען עס שווערער אָדער גרינגער מאכען,
אָדער אַ טהיילבעלע אַ צוואַנציגסטע

פונ׳ם קלענסטען וואָג,—ניין אויב דיא וואָג
וועט זיך נור קעהרען ניט מעהר וויא אויף א האָר,—
שטארבסטו, און אלל׳ דיין גוטס איז קאָנפיסצירט.

גראַציאַנאַ. א צווייטער דניאל; א דניאל, ייד!
יעצט האב איך דיך געפּאַקט, אונגלויביגער.

פּאָרציאַ. וואסווארט דער ייד? נעהם דיר דיין אָנוועהר.

שײַלאָק. גיבט מיר דעם קרן, און ערלויבט מיר געהען.

באססאניאַ. איך האב עס דיר גרייט; אָט איז עס.

פּאָרציאַ. ער האט עס אין דאס אָפענע געריכט ענטזאגט.
ער זאָל גערעכטיגקייט נור האבען, און
זיין וועקסעל.

גראַציאַנאַ. כ׳זאג אלץ נאך א דניאל! א צווייטער דניאל.
איך דאנק דיר ייד, פאר׳ן לערנען מיך דאס וואָרט.

שײַלאָק. וויל איך ניט האבען קוים מיין קרן?

פּאָרציאַ. דוא זאָלסט קיין זאך ניט האבען, נור דעם אָנוועהר.
צו ווערען אויף דיין געפאהר גענומען, ייד.

שײַלאָק. טאָ זאָל אלזאָ דער טייפעל מיט איהם האנדלען;
איך וועל ניט לענגער טענה׳ן.

פּאָרציאַ ווארט נאר, ייד.
ס׳געזעץ האט דאך א צווייטע שולד אויף דיר.
עס איז געזאגט אין דיא געזעצע פון
ווענעדיג, אויב עס וועט בעוויזען ווערען,
געגען א פרעמדלינג, דאס ער האט געזוכט,
דורך אינדירעקטע אדער דירעקטע מיטעל,
דאס לעבען פון א בירגער, דאן זאל דער,
געגען וועמען ער האט אינטריגירט,
כאפּען א העלפט פון זיינע גיטער. און
דיא צווייטע העלפט נעהמט אין דער קאסע פון
דעם שטאאט. און דאס לעבען פון דעם זינדער
ווענדט זיך אָן דער בארמהערצינקייט
פונ׳ם הערצאָג זעלבסט, געגען יעטווידער
אנדער שטימע. און אין דער בעשולדיגונג,

ואנ איך, שטעהסטו, דען עס ערשיינט
אינדירעקט און אויך דירעקט האסטו
נעפלאנט געגען דאס לעבען פון
דעם אנגעקלאגטען, און אויף זיך געבראכט
יענע געפאהר וואס איך פריהער דא דערמאנט.
ביינ דיך דארום, און בעט ערבארמען פון
דעם הערצאָג.

גראַציאַנאָ. בעט דיא ערלויבניס זיך צו הענגען, און
יעדאָך, ׳זוי וויא דיין רייכטהום איז פערשפיעלט,
ביים שטאאט, האסטו זאָגאר נים אויף א שטריק.
דארום מוזטו געהאנגען ווערען אויף דעם רעכנונג
פון דעם שטאאט.

הערצאָג. אום דוא זאלסט זעהען דעם אונטערשיעד
פון אונזער גייסט, פערגיעב איך דיר דיין לעבען
איידער דוא בעטסט עס איין העלפט פון דיין רייכטהום,
איז אַנטאָניאָ׳ס—און דיא צווייטע געהט
צום אַלגעמיינעם שטאאט. דורך הכנעה
קענסטו עס ענדערען אין א שטראַפע־צאהלונג.

פּאָרציאָ. יא, פאר׳ן שטאאט, נים פאר אַנטאָניאָ.

שאַילאק. נעהמט צו מיין לעבען, און אלעס, נים פערגיעבט
מיר דאס. איהר נעהמט מיין הויז ווען איהר נעהמט צו
דיא שטיצע וועלכע האלט זיא אויף; איהר נעהמט
מיר צו דאס לעבען ווען איהר נעהמט אוועק
דיא מיטעל וואס איך האב צום לעבען.

הערצאָג. וועלכע נעפעללינקייט קענט איהר איהם מאכן
אַנטאָניאָ?

גראַציאַנאָ. א שטריק אומזאנסט, ניכט מעהר, אום גאטעס ווילען.

אַנטאָניאָ. זאל עס מיין לארד, דעם הערצאָג, און דאס גאנצע
געריכט, געפעהלען זיין דיא שטראַפע אָפּ־
צולאָזען פיר איין העלפט פון זיינע גיטער.
איך בין צופרידען אויב ער וועט מיך לאזען
דיא צווייטע העלפט געברויכען, אונד, ווען ער

וועט שטארבען, אפצונעבען עס דעם הערדען
וואס האט ניט לאנג זיין טאכטער צוגענגבעט.
צוויי זאכען נאך פאראויסגעזעצט: דאס ער
זאל פיר דער טובה ווערען קריסט. אונד צווייטענס
זאל ער דא גלייך ערקלערען אין געריכט
דאס אלעס וואס וועט בלייבען נאך זיין טויט
שענקט ער זיין זאהן לארענצא און זיין טאכטער.

הערצאג. ער זאל עס טאהן, אדער איך ציה צוריק די
ענטשולדיגונג וואס איך האב אויסגעשפראכען
ניט לאנג צוריק.

פארציא. ביזטו צופרידען, ייד? וואס זאגסטו?

שאילאק. איך בין צופרידען.

פארציא. געהילפע, שרייב אויף א געשאנק־שיין.

שאילאק. איך בעט אייך, גיבט מיר דיא ערלויבניס יעצט
אוועקצוגעהן. איך פיהל ניט גוט; שיקט מיר
דעם געשאנק־שיין נאך, איך וועל איהם
אונטערשרייבען.

הערצאג. געה דיר, אבער טהו עס.

גראציאנא. ווען מען וועט דיך טויפען, זאלסטו האבען צוויי
שמד־טאטעס. וואלט איך זיין א ריכטער,
וואלסטו געהאט נאך צעהן צום גאלגאן זיך צו פיהרען,
ניט צום פאנטאן.

(שאילאק אב.)

הערצאג. מיין הערר, איך לאד אייך איין צו מיר אהיים
צו מיטאג!

פארציא. איך בעט איי'ר גנאדע אונטערטהעניג מיר צו
ענטשולדיגען. איך מוז נאך דיעזע נאכט
געהן קיין פאדוא, און ס'איז פאסענד איך
זאל גלייך אפרייזען.

הערצאג. ס'טהוט מיר לייד וואס איהר
האט ניט קיין פרייע צייט, אנטאניא,
בעפרידיגט דיזען הערען, דען וויא ס'דאכט

זיך מיר, זיים איהר איהם שטארק פערפליכטעט,

(דער הערצאג, דיא סענאטארען און בעגלייטער אב.)

באססאניא. ווערטהעסטער הערר, מיך און מיין פריינד האט מען

דיא טעג, דורך אייער שכל, פריינעשפראכען

פון שמערצליכע און נים פערדינטע שטראפען.

דאפיר בעלוינען מיר איי'ר העפליכע מיה

מיט דיא דריי טויזענד דוקאטען וועלכע קומען

דעם יידען, און בלייבען אימער איי'רע שולדינע

אין ליעבע און אין דיענסטע.

פארציא. דער איז גוט

בעלאהנט וואס איז צופרידען. און דערמיט

וואס איך האב אייך בעפרייט בין איך צופריעדען,

און רעכען דאס מען האט מיר גוט בעצאהלט.

איך האב נאך קיינמאהל נים פערקויפט מיין מיה

פיר געלד. איך בעט אייך, קענט מיך. ווען מיר טרעפען

זיך וו־־ער. כ'ווינש אייך גוטעס, און אזוי

צושייד איך מיך מיט אייך.

באססאניא. מיין ווערטהער הערר,

איך מוז מיט גוואלד אייך ווידער בעטען. נעהמט

פון אונז אנ'אנדענקונגס-צייכען, אלס טריבוט,

נים אלס א לאהן; און וויליגט איין, איך בעט

אייך, אין צוויי זאכען:—מיר צו ענטשולדיגען,

און מיר נים צו ענטזאגען.

פארציא. איהר שטעהט אן

אויף מיר, און ד'רום וועל איך מיך אונטערגעבען.

גיבט מיר איי'רע הענדשוה; כ'וועל זיי טראגען

פון אייערט וועגען. אונד, אוים ליעבע, וועל

איך נעהמען דיזען רינג פון אייך:—ניין ציהט

נים אייער האנד, צוריק. כ'וועל מעהר נים נעהמען.

און איהר וועט מיך אוים ליעבע נים ענטזאגען.

באססאניא. דער רינג, מיין הערר, איז נור א קלייניגקייט.

און, וועל זיך נים דיא שאנדע אנטאהן איהם

צו נעבען אייך.

פארציא. איך וועל קיין אנדער זאך
נים נעהמען וויא וויא נור דאס. און יעצט, מיר שיינט
וואלט איך עס וועלען האבען.

באססאניא. ס'וועגדט זיך מעהר
אן דיזען רינג וויא אן זיין ווערטה. איך וועל
דעם בעסטען רינג אייך געבען פון וועגעדיג,
און וועל עס אויסגעפינען דורך אנצייגען
אבער פיר דיזען רינג, איך בעט אייך, זאלט
איהר מיר ענטשולדיגען.

פארציא. איך זעה, איהר זיים
פרייגיביג אנצובאטען. איהר האט מיך
צוערשט געלערענט בעטען, און איך דענק
איהר לערנט מיך יעצט וויא צו ענטפערן
א בעטלער.

באססאניא. גוטער העררר, דעם רינג האט מיר
מיין פרוי געגעבען, און ווען זיא האט מיר
איהם אנגעטאהן, האב איך געמוזט איהר שווערען
דאס 'ך וועל איהם נים פערקויפען, קיינעם געבען,
און נים פערליערען.

פארציא. דיזע ענטשולדיגונג
ריעגט פיעלע מענער איינצושפארען
זייערע געשענקע. אויב אייער פרוי איז
נים א פעריקטע פרויענצימער, ווען
זיא, וויסענדיג וויא איך האב איהם פערדיענט,
נים בלייבען שטענדיג אייער פיינד, דאדורך
וואס איהר האט מיר דעם רינג געגעבען. אלזא,
פריעדען זאל זיין מיט אייך!

(פארציא און נעריססא אב.)

אנטאניא. מיין לארד באססאניא, גיבט איהם דיזען רינג.
זאלען דיא פערדיענסטע זיינע, און מיינע ליעבע
געשעצט זיין געגען אייער פרוי'ס בעפעהל. !

באססאניא. גראציאנא לויף און שטעל איהם אפ. גיב איהם דעם רינג, און ברייננ איהם, אויב דוא קענסט, און אנטאניא׳ס הויז. געה נאר, און אייל דיך. קוממ.

(גראציאנא אב.)

מיר וועלען ביידע איצטער נעהן אהין.
און מארגען נאך גאנץ פריה, וועלען מיר ביידע
פליהען נאך בעלמאנט. — קוממ אנטאניא.

(אב.)

צווייטע סצענע.

דיא זעלבע א גאס.

(פארציא און נעריססא טרעטען אויף.)

פארציא. ערקונדיג דיך וואו ס׳איז דעם יידענ׳ס הויז.
דערלאנג איהם דעם געשאנק-שיין און
זאל ער איהם אונטערזיעגלען. היינט ביי נאכט
וועלען מיר אוועק, און קומען פריהער מיט
א טאג א היים פון אונזערע מענער. דיזער
געשאנק-שיין וועט זיין שמארק ווילקאממען
פיר לארענצא.

(גראציאנא טרעט אויף.)

גראציאנא. שעהנער הערר, איך האב אייך גוט
דעריאנט. מיין לארד באססאניא, האבענדיג
זיך בעסער איבערלייגט, האט אייך געשיקט
דעם רינג, און לאדעט אייער געזעלשאפט איין
צו מיטאג.

פארציא. דאס קען ניט זיין. — דאך דיזען רינג
עמפפאנג זיך דאנקבאר. און, איך ביטע, זאגט
עס איהם אזוי. און אויסער דעם, איך ביטע,
צייגט מיין געהילפע דעם אלטען שאילאק׳ס הויז.

גראציאנא. איך וועל עס מאהן.

נעריססא. מיין העדר, איך וויל מיט אייך
וואס ריידען. (צו פארציא) איך וועל זעהן אויב איך קען קריגען
מיין מאנ'ס רינג, וועלכען ער האט געשווארען אימער
צו האלטען.

פארציא. קענסט עס זיכער מאהן.
יי וועלען שווערען נאך דער אלטער מאדע
זיי האב'ן די רינגען אפגעגעבען מענער.
מיר אבער וועלען זיי אריבערטראצען, און
אריבערשווערען. — נעה, און אייל דיך. ווייסט
וואו איך וועל ווארטען.

נעריססא. קומם, מיין גוטער העדר.
וועט איהר מיר צייגען דיזע הויז?

(אב.)

ענדע פון פיערטען אקט.

פינפטער אקט.

ערשטע סצענע.

א בוימער-גאנג צו פארציא'ס הויז.

(לארענצא און יעססיקא טרעטען אויף.)

לארענצא. דער מאנד שיינט ליכטיג אין א נאכט וויא דיזע.
ווען דער זיסער ווינטעלע האט זאנפט
געקוסט די בוימער, און זיי האבען ניט
געמאכט קיין רויש, אין אזא נאכט האט טראאיכוס,
מיר דאכט, הערויפגעקלעטערט אויף די ווענט
פון טראי, און האט נעזיפצט די סודות פון
זיין זעעלע נענ'ן די ביידלעך פון די גריכען,
וואו זיין קרעססידע איז די נאכט געלעגען.

יעססיקא. אין אזא נאכט איז די ערשראק'נע טהיזבע

געלאָפען איבערן טהוי, און האט געזעהן
דעם שאטען פון דעם לייב פריהער וויא איהם,
אליין, און איז אין שרעק אנטלאָפען.

לאָרענצא. אין אזא נאכט איז דידאָ געשטאַנען מיט
אַ ווערבע אין איהר האנד, און האָט געפּעכט
צו איהר געליעבטען אומצוקעהרען זיך קיין
קאַרטהאַגע.

יעססיקא. אין אזא נאכט האט מעדעא
געקליבען דיא פערכיישופ׳טע קרייטיכער
וואָס האָבען יונג געמאכט דעם אלטען אייזאָן.

לאָרענצא. אין אזא אבענד האט זיך יעססיקא
אוועקגעגנבעט פון דעם רייכען ייד,
און איז מיט א פערשווענדערישען געליעבטען
אַ וועקגעלאפען פון ווענעדיג ביז
קיין בעלמאָנט.

יעססיקא. און אין אזאַ נאכט האָט
דער יונגער לארענצא איהר געשוואָרען דאס
ער ליעבט זיא זעהר; און האט איהר זעעל׳ געגנבעט
מיט פיעלע טרייהייטס-שבועות, אָבער ניט
מיט איינע וואָס איז אמת.

לאָרענצאָ. אין אזאַ
נאכט האט דיא קליינע יעססיקא גערעדט
רכילות אויף איהר ליעבסטען, און ער האָט
איהר מוחל געווען.

יעססיקא. איך וואָלט דיך היינט
נאָך איבערגענאַכטעוועט, ווען קיינער וואָלט
ניט קומען. אבער הארך! איך הער דיא פוס טריט
פון אַ מאנספערזאָן.

(סטעפאַנא טרעט אויף.)

לאָרענצא. ווער קומט עס דאָרטען אזוי גיך אין
דער שטילקייט פון דער נאַכט?

סטעפאַנא. א פריינד.

לאָרענצאָ. אַ פריינד, וואָס פאַר א פריינד? אייער נאָמען,
ביטע, מיין פריינד.

סטעפאַנאָ. מיין נאָמען איז סטעפאַנאָ, און
איך ברייננ דיא נאַכריכט דאָס מיין הערין וועט
דא זיין אין בעלמאָנט פאר בעגינען נאך.
זיא וואַנדעלט אום ביי הייליגע צלמים,
וואו זיא קניעט און איז מתפלל פאר
א גליקליכער האָכציים.

לאָרענצאָ. ווער קומט מיט איהר?

סטעפאַנאָ. קיין מענש, אויסער א הייליגער מאַנן, וואָס לעבט
זיך אבגעזאָנדערט, און איהר מיידעל. איז
מיין הערר, איך ביטע, שוין צוריקגעקומען?

לאָרענצאָ. ניין, און מיר האָב'ן פון איהם נאָך ניט געהערט.
דאָך קום הערייַן, איך בעט דיך, יעססיקא,
און לאָמיר באַלד צוגרייטען מיט צערעמאָניע
א פאַססענדען ווילקאָממען פיר דער ווירטהין.

(לאַנצעלאָט טרעט אויף.)

לאַנצעלאָט. סאָלאַ, סאָלאַ! וואָ-האָ! סאַלא, סאָלאַ!

לאָרענצאָ. ווער רופט?

לאַנצעלאָט. סאָלאַ! האָט איהר געזעהן דעם העררען
לאָרענצאָ און דיא פרוי לאָרענצאָ?
סאָלאַ! סאָלאַ!

לאָרענצאָ. הער אויף צורופען, מענש: דא זיינען מיר!

לאַנצעלאָט. סאָלאַ! וואו, וואו?

לאָרענצאָ. דאָ.

לאַנצעלאָט. זאָגט איהם דאָס א שליח איז געקומען פון מיין הערען, וועמעס
האָרן איז פול מיט גוטע נייעס. מיין הערר וועט דא זיין נאך איידער עס
וועט טאָג.

לאָרענצאָ. מיין זיסע זעעלע, קום הערייַן, און דאָרט
לאָמיר ערוואַרטען זייער קומען. און דאָך,
עס מאַכט ניט אויס. וואָרום זאָלען מיר הערייַנגעהן?
מיין פריינד סטעפאַנאָ, זאָגט איך בעט אייך. און

אין הויז דאס מיין הערדין וועט באלד קומען.
אין ברייננט ·העררויס אייער מוזיק אהער.

(סטעפאנא אב.)

וויא זיס דער שיין פון דער לבנה שלאפט
אויף דיזען בערג. לאמיר נאר זיצען דא
און הערען דיא ערקוויקענדע מוזיק.
דיא זאנפטע שטילקייט, און דיא נאכט פאסט זיך
פאר טענער וועלכע קלינגען זיס צוזאמען.
זיץ, יעססיקא. זעה וויא דער הימעל—גרונט,
איז אויסגעזעצט מיט טעלערלאך פון גאלד.
זאגאר דער קלענסטער שטערענדעל וואס דוא זעהסט
זינגט זיך בעוועגענדיג וויא א מלאך פאר
דיא יונג-נעאויגטע כרובים. אזא
ארט הארמאניע ליגט אין אונשטערבליכע
נשמות; אבער וועהרענד דיזעס קלייד
פון ערד, וואס ווערט צופאלען, שליסט עס איין,
קענען מיר עס ניט הערען.

(מוזיקאנטען טרעט אויף.)

קומט, הא און
ערוועקט דיא נעטטין דיאנא מיט א הימנע.
מיט זיססעסטע קלאנגען עפענט אויף דיא אויערן
פון אייער הערדין, ציהט זיא צו דער היים-צו
מיט מוזיק.

יעססיקא. איך בין קיינמאהל ניט פריילעך
ווען איך הער זיסע מוזיק. (מוזיק שפיעלט)

לארענצא. דאס קומט דערפון וואס דוא ביזט אויפמערקזאם.
בעטראכט דיר נאר א ווילדע פרייע סטאדע,
אדער א ראססע ווילדע, ניט געלערענטע
זרעבציקעס, וואס שפרינגען ווילד און הירזשען אין
דער היץ פון זייער בלוט: — ווען זיי דערהערען
צופעליג דעם שאל פון א טראמפיים,
אדער א וועלכען — ס'איז מוזיק-קלאנג.

ווּעסטו דיי זעהען זיך אפשטעלענדיג
צוזאמען, און דיא ווילדע אויגען זייערע
פערוואנדלען זיך אין זאנפטע בליקען. דרום
האט דער פאעט געזאגט נור אמת דאס
ארפהעאוס האט געצווינגען בוימער, שטיינער,
און טייכען מיט דער קראפט פון זיין מוזיק.
דען קיין זאך איז אזוי הארטנעקיג, הארט,
און פול מיט ווילדען כעס, דאס מוזיק
זאל עס ניט איבערענדערן ווען עס שפיעלט.
דער מענש וואס האט אין זיך ניט קיין מוזיק,
און וועלכען ס'ריהרט ניט דער צוזאמענקלאנג
פון זיסע טענער, אזא מענש איז פעהיג
פיר פערראטה, פיר ביטרע פלענער און
א קריעג, און רויבעריי; זיין גייסט איז דונקעל
וויא דיא נאכט, און זיינע נייגונגען
זוי פינסטער וויא דער נאכט-שטראם ערעבוס.—
אזא מענש זאל קיין מענש ניט גלויבען. — הער
נאר דיא מוזיק.

(פארציא און נעריססא טרעטען אויף פון ווייטען.)

דאס ליכט, וועלכע מיר זעהען, ברענט דארט אין
מיין זאאל, וויא ווייט דאס קליינע ליכטעלווארפט
איהר שיין! — זוי שיינט א גוטע טהאט אין
א שלעכטער וועלט.

נעריססא. ווען דיא לבנה האט
אליין געשיינט, האבען מיר דיא ליכטעל ניט
געזעהן.

פארציא. זוי ווערט דיא קלענערע ליכטיגקייט
פערדונקעלט פון דער גרעסערער. א וויצע
קעניג שיינט זוי ליכטיג וויא א קעניג,
ביז דער קעניג איז דערביי, און דאן
ליידיגט זיין שטאנד זיך אויס, גראד וויא א טייך
וואס פליעסט ביים לאנד, פערליערט זיך אינ'ם ים.

תאָרף, האָרף, מוזיק!

נעריססא. ס'איז די מוזיק,

מאדאם, פון אייער הויז!

פּאָרציאַ. קיין זאך, איך זעה יעצט, איז

נים גוט אָהן א נעלעגענהייט; מיר שיינט עס קלינגט

פיעל זיסער וויא ביי טאָג.

נעריססא. די שטילקייט מאכט

עס קלינגען אזוי זיס, מאדאם.

פּאָרציאַ. די קאראהע

זינגט אזוי זיס וויא ס'זינגט די נאכטיגאל,

ווען קיינער הערט נים; און איך דענק, מען וואלט

די נאכטיגאל, ווען זיא וואלט זינגען אין

דער טאגעס — צייט, ווען יעדער גאנער קוואַקעט,

בעטראכט פאר א נים-בעסערן מוזיקאנט

וויא מאנכען אנדערן שלעכטען פויגעל'—זינגער.

וויא פיעלע נעגענשטענדען ווערען מיט

דער צייט נעצייטיגט ביז צום פולען לויב,

אין נעגנצליכער פאלקאָממענהייט, — שטיל, הא!

די לבנה שלאָפט, יעצט מיט ענדימיאָן

און ,וויל נים דאס מען זאל זיא וועקען.

(די מוזיק הערט אויף.)

לאָרענצא. דאס איז, מיר דאכט זיך, פּארציא'ס שטימע,

אדער איך האב א גרויסען טעות.

פּאָרציאַ. ער קען מיך וויא דער בלינדער קען די קוקו

פויגעל, דורך זיין שלעכטער שטימע.

לאָרענצאָ. מיין ווערטהע הערין, זייט ווילקאָממען

אין אייער היים.

פּאָרציאַ. מיר האָבען געבעטען פיר דאס וואהלזיין

פון אונזערע מענער, ווען, וויא מיר האפען,

עס נעהט פיעל בעסער דורך אונזערע ווערטער.

זיינען זיי שוין צוריקגעקומען?

לאָרענצאָ. נאך נים, מאדאם.

אבער עס איז געקומען אַ קורייער
פאַר זיי, אונז אָנצוזאָגען דאָס זיי קומען.

פּאָרציאַ. געה דיר העריין, נעריססאַ; זאָג אַן דיר

בעדיענטע דאָס מיר זאָלען זיך נים מאַכען
וויסענדיג דאָס מיר זיינען געוועזען
'דער היים. אויך איהר, לאָרענצאָ, אונד אויך איהר,
יעססיקאַ.

(טראָמפּעטענשאַל.)

לאָרענצאָ. אייער מאַנן קוממט אָן,
איך הער שוין זיין טראָמפּיים. מיר זיינען נים
קיין פּלאַפּלער, שרעקט אייך נים, מאַדאַם.

פּאָרציאָ. דיזע נאַכט,
מיר דאַכט זיך, איז דאס קראַנקע טאָגעס-ליכט,
ס'זעהט אויס עטוואס בלייכער. ס'איז אַ טאָג
יוי וויא דער טאָג איז ווען דיא זונן בעהאַלט זיך.

(באַססאַניאָ, אַנטאָניאָ, גראַציאַנאָ, און זייערע בעגלייטער טרעטען אריין.)

באַססאַניאָ. (צו פּאָרציאָ).
מיר וואָלטען האַלטען טאָג מיט יענע מענשען
וואָס וואָהנען אויף דער צווייטער זייט פון ערדבאַל,
ווען דוא וואָלסט נאָר הערומגעהן אין דער נאַכט.

פּאָרציאָ. כ'וואָלט וועלען לייכטען, אָבער נים זיין לייכט.
אַ לייכטע פרוי מאַכט זיך אַ שווערען מאַנן.
און ניעמאָלס זאָל באַססאַניאָ זיין אזוי
פאַר מיר. דאָך גאָט זאָל אַלעמען צופּאַסען
איהר זייט ווילקאָממען אין דער היים, מיין לאָרד.

באַססאַניאָ. 'ך דאַנק אייך, מאַדאַם. הייסט מיין פריינד ווילקאָממען
זיין. דאָס איז דער מאַנן, דאָס איז אַנטאָניאָ,
וועלכען איך בין פערפּפליכטעט 'זוי אונענדליך.

פּאָרציאָ. איהר זאָלט אין יעדער הינזיכטעט זיין צו איהם
פערפּפליכטעט; דען, וויא 'ך הער, איז ער געווען
פערפּפליכטעט שטאַרק פיר אייך.

אַנטאָניאָ. נים מעהר

ויא מען האט מיך רייכליך בעלאהנט.

פארציא. מיין העררך

איהר זייט זעהר ווילקאממען אין אונזער הויז

עס מוז זיך צייגען דורך עטוואס אנדערש

וויא ווערטער, דרום פערשפאר איך העפליכקייט

און רייד.

(גראציאנא און נעררסא שיינען צו ריידען אין א זייט.)

גראציאנא. איך שוועהר ביי דער לבנה דאס איהר טהוט

מיר אונרעכט. אויף עהרען ווארט, ׳ך האב עס

געגעבען דעם ריכטער׳ס געהילפע הלואי

וואלט ער פון מיינערטוועגען מסרס געווארען,

איידער איהר זאלט עס נעהמען זיך ׳זוי שטארק

צום הארצען, מיין געליעבטע.

פארציא. שוין א קריעג?

וואס איז דיא אורזאכע?

גראציאנא. וועגען

א רייפעל גאלד, א שטיקעל רינג וואס דיא

האט מיר געגעבען, וועמעס אויפשריפט איז

געוועזען פאר דער גאנצער וועלט, וויא דיא

פאעזיע וואס ווערט געקריצט אויף עס-געצייג:

„ליעב און פערלאז מיך ניט".

נעריססא. וואס רעדט

איהר פון דער אויפשריפט און דער ווערדע?

איהר האט געשווארען ווען איך האב איהם אייך

געגעבען, דאס איהר וועט איהם טראגען ביז

דער לעצטער שעה פון אייער לעבען, און

דאס ער וועט ליגען מיט אייך אויף אין קבר.

אויב ניט מיר צוליעב, האט איהר צוליעב

אייער׳ע הייסע שבועות איהם געדארפט

אפהיטען, האלטען איהם. א׳הם געגעבען

דעם געהילפע פון דעם ריכטער! — אבער

איך וויס גאנץ גוט דעם ריכטער׳ס געהילפע

ווען קיינמאָהל קיין באָרד ניט האָבען אויף
דער מאָרדע.

גראַציאַנא. יאָ, ער וועט, אויב ער וועט לעבען
ביז ער ווערט אַ מאַנן.

נעריססא. יאָ, אויב אַ פרוי
קען לעבען ביז זיא ווערט אַ מאַנספערזאָן.

ראַציאַנא. איך שווער ביי דיזער האַנד, 'ך האָב איהם געגעבען
אַ יונגען מאַן. נאָך גאָר אַ ייִנגעל.
אַ קליינעם און געזעצטען יונג וואָס איז
ניט העכער וויא דוא זעלבסט, אַ פּלאַפּלער פון
אַ יונג, וואָס האט עס מיך געבעטען אַלס
יין לאָהן. איך האָב עס איהם פון הערצען ניט
געקענט ענטזאָגען.

פּאָרציאַ. איהר האָט געמאַכט אַ פעהלער; 'ך מוז עס אייך
גאַנץ אָפען זאָגען; וואָס איהר האָט 'זוי לייכט
אוועקגעגעבען אייער פרויס ערשטע
מתנה. וועלכע זיא האט אָנגעטאָהן
אויף אייער פינגער מיט אַ שבועה, און
האט 'זוי עס צוגעקי עַט צו אייער פלייש.
'ך האָב מיין געליעבטען אויך אַ רינג געגעבען
און האָב געמאַכט דאָס ער זאָל שווערען זיך
מיט איהם קיינמאָהל צו שיידען; און אָט שטעהט ער.
'ך וואָלט שווערען דאָס ער וואָלט איהם ניט געשענקט
און איהם פון פינגער ניט הערונטערגענומען,
פאַר אַלעס וואָס דיא וועלט פערמעגט. נון,
אויף עהרען וואָרט גראַציאַנא, איהר פערשולדיגט
אייער פרוי אַ צו אַ אונפריינדליכען שמערץ.
ווען דאָס וואָלט מיר פּאַסירט, וואָלט איך זיין ביין
דעריבער.

באַסאַניאָ (אין אַ זייט.)

ס'וואָלט פאַר מיר יעצט זיין דאָס גלייכסטע,
דיא לינקע האַנד זיך אָפּצושניידען, און

איהר שווערען דאס איך האב דעם רינג פערלארען
ויא פערטהיידינענדיג,

גראציאנא. מיין לארד באססאניא האט
זיין רינג אוועקגעשענקט דעם ריכטער וועלכער
האט איהם געבעטען, און אויך ווירליך איהם
פערדיענט; און דאן האט זיין געהילפע, וואס
האט איהם געהאלפען שרייבען, מיך געבעטען
מיין רינג. און ניט דער ריכטער, ניט דער
געהילפע, האבען עטוואס אנדערעס
געוואלט אויסער דיא רינגען.

פארציא. וועלכען רינג, האט איהר,
מיין לארד, געגעבען? ניט דעם רינג, איך האף
וועלכען איהר האט פון מיר געקראגען.

באססאניא. ווען איך וואלט קענען צוליינען א ליגען
צו א פעהלער, וואלט איך עס פערלייקענט.
אבער איהר זעהט איך האב דעם רינג ניט אויף
מיין פינגער; ער איז שוין נימא.

פארציא. אזוי
האט אייער פאלשע הערץ קיין ווארהיים ניט
אין זיך. ביים הימעל, 'ך וועל אין אייער בעט
ניט געהן, ביז וואנען 'ך וועל ניט זעהן דעם רינג.

נעריססא. און אויך ניט איך אין אייערער ביז וואנען
איך וועל ניט זעהן מיין רינג.

באססאניא. זיסע פארציא,
ווען איהר וואלט זעהן וועמען איך האב דעם רינג
געגעבען, און פיר וועמען 'ך האב דעם רינג
געגעבען; ווען איהר וואלט פערשטעהן פיר וואס
איך האב דעם רינג געגעבען. און וויא אונגערן
'ך האב מיך געשיידעט פון דעם רינג, וועהרענד
מען האט וואס אנדערס ניט געוואלט עמפפאנגען
וויא נור דעם רינג, דאן וואלט איהר אפגעשוואכט
דיא קראפט פון אייער אונצופריעדענהייט.

פארציא. ווען איהר וואָלט וויסען וואס דער רינג איז ווערטה
אדער איין העלפט דעם ווערטה פון דער וואס האט
דעם רינג געגעבען, אדער אייער איינ'נע
עהרע אין דאס היטען פון דעם רינג,
דאן ווילט איהר זיך ניט שיידען פון דעם רינג
דען וועלכער מאנספערזאָן איז עס 'זוי דום
וואס וואלט ניט זיין אזוי, בעשיידען ניט צו בעטען
דאס, וואס איהר האלט אויס צערעמאָניע, ווען איהר
וואלט זיך פערטהיידינען מיט הייסע ווערטער?
נעריססא לערנט מיך אין וואס צו גלויבען;
איך שטארב דאפיר אויב וועלבע עס איז פרוי,
בעזיצט ניט דיזען רינג.

באַססאַניאָ. ניין אויף מיין עהרע, מאדאם
קיין פרוי האט איהם געקראַנעז, נור א ציווילנער,
דאקטאר, וואס האט ענטזאגט דריי טויזענד.
דוקאטען, און פערלאנגט דעם רינג פון מיר.
'ך האב אנפאנגס איהם ענטזאגט, און איהם געלאזט
אוועקגעהן אונצופריעדען,—איהם וואס האט
גערעטעט דאס לעבען פון מיין בעסטען פריינד.
וואס זאל איך זאגען, זיסע פריילען? 'ך בין
געוועז געצוואונגען איהם עס נאכצושיקען,
איך האב געפיהלט אי העפליכקייט, אי שאנדע,
מיין עהר' האט ניט ערלויבט אונדאנקבארקייט
ים צו בעפלעקען. — ענטשולדיגט מיר,
מיין גוט[illegible] פריילען, דען איך שווער ביי דיא
געבענ[illegible]טן ליכטער פון דער נאכט, ווען איהר
וואלט [illegible]ם געוועז, וואלט איהר דעם רינג פון מיר
געבט[illegible] [illegible]ם דעם דאקטאר איהם צו געבען.

[illegible]א. זאל נאר דער דאקטאר ניט דערוועגען זיך
צו קומען נאהענט צו מיין הויז, 'זוי וויא
ער האט דיא ציערונג וואס איך האב געליעבט.
און דאס וואס איהר האט מיר פערשפראכען
צו האלטען. 'ך וועל ווערען אזוי ליבעראל

וויא איהר; איך וועל איהם קיין זאך ניט ענטזאגען
וואס איך בעזיץ, ניין, ניט מיין קערפער, און
מיין מאנ׳ס בעט אויך ניט. ׳ך וועל איהם קענען, ׳ך בין
רערין גאנץ זיכער. שלאף קיין נאכט ניט אין
דער פרעמד; היט מיך מיט טויזענד אויגען; אויב
איהר טהוט עס ניט, ס׳הייסט אויב איך בלייב אליין,
׳ך שווער ביי מיין עהרע וואס מיר אנבעלאנגט
וועל איך דעם דאקטאר האבען אין מיין בעט
אלס חבר.

נעריססא. און איך זיין געהילפע,
דרום היט דיך וויא דוא לאזט מיך ווען אליין.

גראציאנא. נו, טהו דיר ׳זוי; אבער לאמיך איהם דא.
ניט טרעפען; דען אויב איך טרעף איהם דא,
דאן וועל איך איהם צוברעכען רוקען — און לענד,
דאס ער וועט שוין ניט קענען שרייבען מעהר.

אנטאניא. ׳ך בין דיא אונגליקליכע אורזאכע
פון דיזע צאנקערייען.

פארציא. נעהמט אייך ניט, מיין הערר,
צום הארצען איהר זייט ׳אזוי—וויא—׳זוי ווילקאממען.

באססאניא. פארציא, פערגיעבט מיר דיזע געצוואונגנע עולה,
אין דער אנוועזענהייט פון דיזע פריינד,
שווער איך ביי דיינע שעהנע אויגען,
אין וועלכע איך זעה זיך זעלבסט.

פארציא. מערקט נור דאס!
אין מיינע בידע אויגען זעהט ער זיך
צווייפאך,—איינעם אין יעדער אויג: שווערט דען
ביי אייער צווייפאכען איך, און דאן ערשט וועט
עס זיין א וואהרע שבועה.

באססאניא. ניין, אבער הער:
פערגיעב מיר דיזען פעהלער, און איך שווער
דיר ביי מיין זעעלע, דאס איך וועל דיר מעהר
קיין שבועה שוין ניט ברעכען.

אנטאניא. (צו פארציא.)

איך האב א מאהל זיין ;וף פער'משכנ'ט פיר
זיין רייכטהום; וועלכעס וואלט, ווען נים דער דאקטאר
וואס האט דעם רינג, -- פערלארען געהן; איך וואג
דיך ווידער צו פערפפליכטען, לייגענדיג
מיין זעעלע אלס משכן, דאס אייער לארד
וועט מעהר קיין טרייהייט ברעכען מיט בעוואוסטזיין.

פארציא. דאן וועט איהר ערוב זיין פאר איהם. טא גיבט
איהם דיזען רינג, און הייסט איהם היטען איהם
פיעל בעסער וויא דעם ערשטען.

אנטאניא. היער מיין לארד
באססאניא; שווערט דאס איהר וועט היטען
דיזען רינג.

באססאניא. ביים הימעל, 'ס איז דער זעלבער וואס
איך האב געגעבען דעם דאקטאר!

פארציא. איך האב עס
פון איהם גענומען. ענטשולדיגט מיר באססאניא,
דורך דיזען רינג בין איך מיט איהם געלעגען.

נעריססא. ענטשולדיגט איהר אויך מיר, עדלער גראציאנא,
דען יענער זעלבער נידריגער יונגער מאן,
דעם דאקטאר'ס געהילפע, איז דיא פארינע נאכט
אלס אויסטויש פיר דעם רינג, מיט מיר געלעגען.

גראציאנא. דאס הייסט אויסבעסערן דיא שאסייען זומער,
ווען דיא וועג איז גוט גענוג, וויא זיינען
מיר שוין גענארטע מענער נאך בעפאר
מיר האבען עס פערדיענט

פארציא. רעדט נים 'זוי גראב;
איהר זייט ערשטוינט. אט איז א בריעף. לעזט איהם
אין אייער פרייע צייט. דער בריעף איז פון
פאדוא, פון בעללאריא, דרום וועט איהר געפינען
דאס פארציא איז געוועזן דער דאקטאר, און
נעריססא איהר געהילפע. לארענצא

וועט עדות זאָגען דאס איך האב פערדרייזט
דאן נלייך מיט אייך, און בין נאָר וואָס געקומען.
איך בין נאך נים נעוועזען ביי זיך אין הויז.
אנטאָניא, איהר זיים ווילקאָממען. איך האב
פיעל בעסערע נייעס פיר אייך וויא איהר ערוואַרט.
זיענעלט נור אויף דעם בריעף; איהר וועט אין איהם
נעפינען דאס דריי שיפען אייערע
זיינען געקומען רייך-געלאָדען אין
דיא האפענס פלוצלונג. אבער דורך וועלכען
זעלטזאַמען צופאל 'ך האָב דעם בריעף געקראָגען,
דאס וועט איהר נים וויסען.

אנטאָניאָ. איך בין שטום.

באַססאַניא. זיים איהר געוועזען דער דאָקטאָר, און איך האב
אייך נים ערקענט?

גראַציאנא. זיים איהר געוועזען דער
געהילפע וואס וויל מיך מאכען פאר א
געגאַרטען מאַן.

באַססאַניאָ. מיין זיסער דאָקטאר, איהר
וועט זיין מיין בעט-קאמיראד; און ווען איך וועל
נים זיין, דער היים, דאן קענט איהרע שלאָפען מיט
מיין פרוי. —

אנטאָניא. מיין זיסע דאמע, איהר האָט מיר
צוריינגעגעבען א נייע נשמה; דען איך לעז
דא דאס דיא שיפען מיינע האבען זיך גאנץ
בעשטימט צוריקגעהערט אין האפען.

פארציא. און איהר, לאָרענצאָ? מיין געהילפע האָט
אויך גוטע נייעס פיר אייך.

נעריססא. יא, און איך וועל
זיי געבען אייך גאָר אָהן געצאָהלט. היער גיעב
איך אייך און אייער יעססיקא, א ספעציעללען
נעשאנק-שיין פון דעם רייכען יידען דאס
איהר קריגט זיין גאנץ פערמעגען נאך זיין טויט.

לאָרענצאָ. איהר שעהנע דאַמען, איהר וואַרפט הערונטער מַן צו הונגעריגע מענשען.

פאָרציאָ. ׳ס הייבט שוין אן צו טאָגען.

דאָך בין איך זיכער דאס איהר זייט נאָך נים
גענצליך צופריעדען מיט דיא נייעס פון דאס
וואס דאָ איז פאָרגעפאלען. לאָמיר הערייננעהן,
און שטעלט אונז וויא פיעל פראַגען איהר פערלאַנגט,
מיר וועלען אייך אויף אלעס ענטפערן טריי.

גראַציאַנא. יזוי זאָל עס זיין. דאס ערשטע וואס איך וואָלט
נעריססא פרעגען איז, — אויב זיא טראַכט
גלייך שלאפען געהן, אדער דיא נעקסטע נאַכט.
וואלט יעצט זיין טאָג, וואָלט איך איהם הייסען געהן,
צו קענען ליגען מיט דעם געהילפע אליין.
נור איין זאך וועל איך היטען מעהר וויא אלצדינג,
צו האַלטען זיכער מיין נעריסס׳א רינג.

ענדע.

ניַיע אידישע מוזיק

פיר

פיאנא אונד וויאלין.

דער אידישער טרויער מארטש.

נאך דיא הרוגים פון קישיניעוו אראנזשירט פון פערלמוטער אונד וואהל פרייז פיר פיאנא אדער וויאלין.......... 20 סענט.

חתן כלה.

אראנזשירט פיר פיאנא אין 6 בויגען, 1טער בויגען: דיא בייטש, 2טער בויגען: א תענוג ביי אידען, 3טער בויגען: אז גאט וויל שיסט א בעזים, 4טער בויגען: דיא זיסע האפנונג, 5טער בויגען: ענינו ביום צרותינו, 6טער בויגען: דאס בייגעלע, פרייז פון יעדען בויגען 20 סענט, אלע 6 בויגען צוזאמען.......... 90 סענט.
דיטא פיר וויאלין אין 1 בויגען.......... 20 סענט.

דער ישיבה בחור.

אראנזשירט פיר פיאנא אין 2 בויגען, 1טער בויגען: דער קדיש, 2טער בויגען: אל מלא רחמים, פרייז פון יעדען בויגען 20 סענט, ביידע בויגען צוזאמען.......... 30 סענט.
דיטא פיר וויאלין אין 1 בויגען.......... 20 סענט.

כל נדרי.

ניי אראנזשירט פון א. רוססאטטא, פיר פיאנא אונד וויאלין מיט דיא ווערטער פרייז פיר פיאנא אדער וויאלין.......... 20 סענט.

מאן אונד ווייב.

אראנזשירט פיר פיאנא אין 4 בויגען, 1טער בויגען: פעטער מלך, 2טער בויגען: אי לו לו און מלך און מלכה, 3טער בויגען: מאן און ווייב, 4טער בויגען: טאטע מאמע מזל טוב, פרייז פון יעדען בויגען 20 סענט, אלע 4 בויגען צוזאמען.......... 60 סענט.
דיטא פיר וויאלין אין 1 בויגען.......... 20 סענט.

מלכה שבא.

אראנזשירט פיר פיאנא אין 5 בויגען, 1טער בויגען: שלאף באללעט, 2טער בויגען: מארטש פון מלכה שבא, 3טער בויגען: שלמה המלך'ס צואה, 4טער בויגען: גוטער ברודער ניט געהאפט, 5טער בויגען: מען וועט דיר קיין זאך ניט מיט געבען אין קבר, פרייז פון יעדען בויגען 20 סענט, אלע 5 בויגען צוזאמען.......... 75 סענט.
דיטא פיר וויאלין אין 1 בויגען.......... 20 סענט.

שבת האלטען פון ש. שמולעוויטץ.

ארראנזשירט פיר פיאנא אדער וויאלין ביי א. רוססאטטא אין 1 בויגען פרייז 20 סענט.

שטילע חתונה.

ארראנזשירט פיר פיאנא פון פערלמוטער און וואהל אין 3 בויגען, 1טער בויגען: דיא
אמת'ע אידישע הארץ, 2טער בויגען: טאקי דאס, 3טער בויגען: אונד שוין, פרייז
פון יעדען בויגען 20 סענט, אלע 3 בויגען צוזאמען..................50 סענט.
דיטא פיר וויאלין אין 1 בויגען..................20 סענט.

שטעה אויף מיין פאלק.

פון גאלדפאדענס בעריהמטע פיעסע ני־בע־ני־מע ארראנזשירט פיר פיאנא פון
רומשינסקי, פרייז..................20 סענט.

מאררים ראזענפעלד'ס ליעדער.

ארראנזשירט בייא ה. א. רוססאטטא פיר פיאנא אונד געזאנג, פרייז.........50 סענט.

מאגולעסקא'ס תחית המתים (רעסוררעקשאן).

ארראנזשירט ביי א. רוססאטטא, פרייז פיר פיאנא 35 סענט, פיר וויאלין 20 סענט.

שלמה המלך, פון זיגמונד מאגולעסקא.

ארראנזשירט פיר פיאנא בייא ה. א. רוססאטטא, אין 4 בויגען, פרייז פון יעדען בויגען
20 סענט, אללע 4 בויגען צוזאממען..................75 סענט.
דיטא פיר וויאלין אין 1 בוך..................25 סענט.

יציאת מצרים, פון פראפעססאר הורוויץ.

מוזיק פון פערלמוטער אונד וואהל, קאמפליט אין 3 בויגען, פרייז פון יעדען בויגען
20 סענט, אללע 3 בויגען צוזאממען..................50 סענט.
דיטא פיר וויאלין אין 1 בויגען..................25 סענט.

יוסף מיט דיא ברידער.

ארראנזשירט פיר פיאנא בייא ה. א. רוססאטטא, קאמפליט אין 3 בויגען, פרייז פון
יעדע: בויגען 20 סענט, אללע 3 בויגען צוזאממען..................50 סענט.
דיטא פיר וויאלין אין 2 בויגען..................04 סענט.

דיא אידישע חתונה, פון פראפעססאר ה. א. שאפירא.

קאמפליט פיר פיאנא אין 5 בויגען, פרייז פון יעדען בויגען 20 סענט, אללע 5 בוי־
גען צוזאממען..................75 סענט.
דיטא פיר וויאלין אין 1 בויגען..................25 סענט.

צו בעקומען בייא דיא

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85 Canal Street, New York.

— דער —

אידיש אמעריקאנער רעדנער

א ריעזען ווערק, וואס איז יעצט ערשיענען אין אונזער מאמע־לשון.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער, איז דאס גרעסטע נימצליכסטע ווערק אין אידיש פיר אללע קלאסען אידען אין אמעריקא.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער, ענטהאלט 600 זייטען אנגעפילט מיט דיא בעסטע און פאפולערסטע רעדעס געשריעבען אין דיא שעהנסטע און דייטליכסטע אידיש, פון דיא גרעסטע אידישע רעדנער אין אמעריקא, וויא אויך פון דיא בע־ריהמטע אידישע שריפטשטעללער, וועלכע האבען ספעציעל געשריעבען פאר דיעזע ענציקלאפעדיע פון רעדנער קונסט, וואס וועט בלייבען אלס דער שעהנסטער מאנומענט פון קונסט אין אונזער מאמע־לשון.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער, ענהאלט א גרויסע הקדמה איבער דיא קונסט פון האלטען א רעדע, וויא אויך פיעלע רעדעס צו האלטען ביי א ברית, א מזל־טוב, א פדיון הבן, א בר מצוה, א תנאים, א חתונה, זילבערנע און גאלדערנע האכצייטען, ביי א לויה, שטעלען א מצבה, חנוך הגדר א. ז. וו.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער, ענטהאלט אויך פרעכטיגע רעדעס פיר לאד־ושען, פעראיינען, קלאבס, געבורטס־טאג פארטיעס, סיום התורה און ציוניזמוס, רע־דעס פיר יוניאנס און העכסט בעלעהרענדע פאטריאטישע רעדעס פיר אללע אידישע ימים־טובים צו האלטען אין שוהל און אין האלל, וויא אויך א בוקעט הומאריס־טישע רעדעס צום לאכען ביי געוויסע געלעגענהייטען.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער, איז רעדאקטירט פון **פראפעסאר נ. זעליקאוויץ**, (סמבטיון, ליטווישער פילאזאף) וועלכער האט, אלס רעדאקטאר פון בוך, אליין אויך געשריעבען צעהנדליגע רעדעס פיר יעדע געלעגענהייט פון פרייד און לייד — פון „מזל טוב" ביז „עליו השלם".

צווייטער טהייל, בר־מצוה רעדעס.

דער צווייטער טהייל פון דעם **אידיש אמעריקאנער רעדנער**, איז געווידמעט פיר בר־מצוה רעדעס, וואס יעדע פון זייא איז א פערל, און געשריעבען פון דיא גרעסטע פאבליזיסטען און פעדאגאגען. מיר האבען געלייגט ספעציעלע אויפמערקזאמקייט צו דיעזע בר־מצוה רעדעס וואס זיינען אין דריי פערשיעדענע שפראכען, אין אידיש, ענגליש און אויך אין אונזער אלטע מוטער שפראך, דיא שעהנסטע רייןסטע העברעאיש.

ביידע טהייל פון דעם רעדנער, זיינען געבונדען אין איין באנד.

— פרייז, 1.50, פארטא פרייא. —

צו בעקומען ביי אללע בוכהענדלער, וויא אויך ביי דיא פערלעגער,

היברו פאבלישינג קאמפאני, 83־87 קאנאל סט., נויארק.

— פאלשטענדיגעס —

ענגליש־יודישעס און יודיש־ענגלישעס

ווערטער־בוך

פון אלכסנדר הארקאווי.

אין צוויי טהייל.

ערשטער טהייל ענטהאלט אללע ענגלישע ווערטער נאכ'ן איי־בי־סי, מיט זייער אויסשפּראכע און איבערזעטצונג אין אידיש.

צווייטער טהייל ענטהאלט אללע יודישע ווערטער נאכ'ן אלה־בית מיט דיא איבערזעטצונג אין ענגליש.

ביידע טהיילען זיינען געבונדען אין איין באנד.

פּרייז, 3.50

ענגליש־יודישעס האנד־ווערטער־בוך:

פון אלכסנדר הארקאווי,

ענטהאלט כמעט אזוי פיעל ווערטער, וויפיעל דער פאלשטענדיגער ענגליש־יודישעס ווערטער־בוך, מיט דער אויסנאהמע וואס דיא ערקלעהרונגען זיינען אביסעל אָבגעקירצט.

פּרייז, 1.00

ענגליש־יודישעס און יודיש־ענגלישעס

טאשען־ווערטער־בוך:

פון אלכסנדר הארקאווי,

ענטהאלט אללע ענגלישע ווערטער נאכ'ן אי־בי־סי, מיט זייער אויסשפּראכע און איבערזעטצונג אין יודיש, און אללע אידישע ווערטער נאכ'ן אלף־בית מיט דיא איבערזעטצונג אין ענגליש.

פּרייז, אין קלאטה באנד, 65 סענט. אין לעדער באנד, 90 סענט.

ניטצליכע מעטהאדעס פיר אלע אידען.

דער ענגלישער לעהר־בוך

מיט א ביילאַגע, דאס ענגלישע לעזע-בוך

פון אלכסנדר הארקאווי,

איז א פּראַקטישעס לעהר־בוך פיר יעדען איינגעוואנדערטען אידען, זיך לייכט אויס־צולערנען לעזען, רעדען און שרייבען דיא ענגלישע שפּראַך פּאָלקאָמען. פּרייז 15 ס.

דיא נייעסטע ענגלישע מעטהאדע,

בעארבייטעט נאך דר. אַהנס דאָלמעטשער.

איז איינגעטהיילט אין 3 אבטהיילונגען, זיא פאנגט זיך אָן פון איי בי סי און ענדיגט זיך מיט דער פּאָלקאָמענער קענטניס פון דער ענגלישער שפּראַך און דערבייא איז זיא אזוי קינסטליך צוזאמענגעשטעלט, דאס יעדער איינציגער קען גאנץ לייכט אין א קורצער צייט ערלערנען פּאָלקאָמען דיא ענגלישע שפּראַך, וויא עס איז נעטהיג אין לעבען.

„דיא נייעסטע ענגלישע מעטהאָדע" איז א בוך פיר אלע אידען. אפילו דער וואס קען שוין ענגליש, געפינט דאָרטען אויך פיעלעס ניטצליכעס, פון וועלכע ער האט ביז יעטצט גאר ניט געוואוסט.
פּרייז 25 סענט.

פריינקעל'ס ענגליש־יודישער

בריעפען־שטעלער.

ענטהאלט א אויסוואהל פון ליעבע־בריעף, פאמיליע און פריינדשאפטס־בריעף, געשעפטס־בריעף און רעקאָמענדאציאָנס־בריעף.

וויא אויך וויא צו פיהרען ביכער, שרייבען קאָנטראקטען און אנדערע וויכטיגע פּאַפּירען וואס זיינען נויטהיג פיר יעדען אידען אין אמעריקא. פּרייז 25 סענט.

ארי‌טהמעטיק אָדער דער רעכען-לעהרער,

פון דוב אריה פריעדמאַן.

איז א פּראַקטישעס מעטהאָדע זיך אויסצולערנען רעכענען, זיא פאנגט זיך אָן פון ציפער און לעהרענט כסדר חבור, חסור, כפל, חלוק, פּראָצענט, תשבורת א. ז. וו. ביז צו דעם העכסטען גראד פון דער רעכען־קונסט און איז אזוי פערשטענדליך, דאס יעדער מענש קען זיך גאנץ לייכט אָהן מיה אויסלערנען. פּרייז 10 סענט.

בוכהאלטונג און געשעפטס־פיהרונג פון ד. מ. הערמאלין.

איז א פּראַקטישעס בוך צו ערלערנען גרינדליך דיא פּאָלקאָמענע איינפאכע און דאָפּעלע בוכהאלטונג, וויא עס ווערט געפיהרט אין דער גרויסער געשעפטס־וועלט. פּרייז 25 סענט.

צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען, וויא אויך ביי

THE HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street, New York.

קאַטאַלאָג

אונד פרייז־קוראַנט

אויפ'ן פידעל שלום עליכם	5
אונגליקליכע אַמאַליע	2.00
אוריאל אַקאָסטאַ	.10
איבער געלד און עהרע	.75
אידישע ביהנע 1טע טהייל, טהעאַטער קריטיק	.25
אידישע ביהנע 2טע טהייל, טהעאַטער יעדער,	.40
אידישע געשיכטע פון פ. וויערניק	.75
אידישע קרבנות	.15
אידישער קאנגרעס אין באזעל	.03
אייז־מעער	.20
אינדיאַנער פירסט	.40
אין שטראם פון רעוואלוציאן	.05
אַלט־נייلאַנד, דר. הערציל	.50
אַמעריקאַנישע הגדה	.03
אשמדאי	.05
ביטערע נקבה	.25
ביים טהיר פון גן־עדן	.05
בלאָנדער יונגער מאנטשיג	.25
בעטלער גרעפין	.40
בערויבטער קבר	.10
ברוך שפינאָזאַ	.20
גאָטטהייט	.10
גאָלד גרובען פון קאַליפאָרניע	.60
אַ גאַסט פון יענער וועלט	.05
גוטער טייפעל, שמ"ר	.35
גלות מאסקווא	1.50
געבילדעטער מערדער	1.50
געהיימער מאָרד	.05
געהיימע יודען	.15
געזוכט און געפונען	.60
גערויבטע קינד,	2.00
גערימהטער טרעפער,	.05
געשיכטע פון אַמעריקאַ,	.15
גראספירסט קאָנסטאַנטין,	1.25
גראַף מאָנטאָ קריסטאָ	.40
גראַף עסטע־האַזי,	.40
גראַף פאָטאָצקי,	.05
גרעסטער דעטעקטיוו	.10
דאָן קיבאָט, פון א. האַרקאַווי,	.75
דאקטאָר און צויבערער,	.10
דור הולך ודור בא, א. גאלדפאַדען	.25
דער משוגענער פילאַזאָף, א. גאלדפאַדען	.25
דריי פאַרשוינגען,	.05
דרייפוס, פון יאָהאַן פאַליי נויאָרק,	1.50
הגדה פיר באָרדער,	.03
הייראַטה פון ד. מ. הערמאַלין	.25
הימעל און וואַסער.	.45
היפנאָטיזמוס,	.03
המן'ס מפלה,	.03
הע־שעלע, דינענזאָהן,	.15
וואַשינגטאָן, (ערשטער פרעזידענט אין אַמעריקאַ)	.10
וויכנא דוואשא פאהרט אין אַמעריקאָ	.02
וויכנא דוואָשע פאהרט פון אַמעריקאַ	.05
וויכנא דוואָשע דיא שדכנ'טע	.10
ווילדע מענשען,	.10
אין ווילדען אַפריקאַ	.10
וויעדער אין דער היים, 2טע טהייל פון אַ רייזע אין אונבעקאַנטע געגענדען	.10
אַ וועלט אָהן טרעהרען,	.03
וועלט באַנדיטען,	.45
זילבערנע האָכצייט	.10
חאַדישי סטאַווראָס,	.10
הכמת היד,	.03
חרם דרבנו גרשם,	.10
טיראַן,	1.25
טיראַנישע מוטער,	2.00
טערקישער משית,	.05
טרילבי,	.10
יאָסעלע, דינענזאָהן	.15
יאָקום בעמבע,	.03
יודקע שמערקעס פאָהרט נאָך אַמעריקאַ	.05
יודקע שמערקעס גליקען אין אַמעריקאַ	.10
יונגער שיפסקאַפיטאַן, 2טער טהייל, פון אין ווילדען אַפריקאַ,	.10

ישוע הנוצרי, ד. מ. הערמאַלין,	.10
ישוע הנוצרי אָדער יוסף פּאַנדרי,	.10
לא תרצח פון פרענקעל 1טער טהייל,	.10
לא תרצח " " 2טער טהייל,	.15
לא תרצח " " 3טער טהייל,	.15
לא תרצח " " 4טער טהייל,	.15
ליטווישער קעניג פון דיא שנאָרערס,	.25
ליעבע פון ד. מ. הערמאַלין,	.10
ליעבע און מיליאָנען,	.45
ליעבע און ראַכע,	.75
ליעדער אַלבום	.20
לעצטער בלוט שטורץ,	.10
מאַדאַם באַבעטאַ,	.10
מאַדאַם יצר הרע,	.15
מאַריאַ מאַגדעלענאַ	.03
מגילת דרייפוס,	.03
מויקים, פון ב. גארין,	.10
מחמד,	.05
מסתרי פאַריז,	.60
מעשי בראשית,	.15
משוגענער פילאָזאָף, גאָלדפאַדען	.25
נקמה פון אַ בר־מנן,	.15
נתן דער חכם,	.10
סאַפהאָ פון אַלפאָנז דאָדע,	.15
סטעמפעניו, פון שלום עליכם,	.15
סיבירישער אייזענבאַהן,	.25
עדעלשטאַטס געדיכטע,	.15
פאַוסט פון געטהעאַ,	.10
פאַסקארעלאַ,	.10
פליה מאַשין,	.10
פלעוונאַ,	.25
פסח מאַגאַזין 100 זייטען,	.10
פעדלער, שמ"ר,	.15
פעטער שמואל, יאַפפע	.10
פערלאָרענע שיף,	.50
פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן,	.25
פרוכט פון זינד,	.10
פרייע ליעבע,	.15
פרינצעסין צולייקא,	.10
פרינץ אַלם דעטעקטיוו,	.45
פרץ'ס מעשה'לאך,	.05

פרץ'ס שריפטען,	1.50
פתרון חלומות,	.05
צוואַנציג אידישע פאָלקס ליעדער פון אליקום צונזער,	.25
צוואַנציגסטער יאַהר־הונדערט	.10
צווייא פאָרלאַך,	.10
קאָלומבוס,	.03
קאַמעליענדאַמע, פון דיומאַ,	.30
קאַרמען דעם טייוועלס טאָכטער,	.05
קיובאַ,	1.00
קין'ס צואה, א. טאַנענבוים,	.15
קליינע מענשעלאַך,	.10
קלעאָפאַטרע,	1.00
קעטען און קראָנען,	.50
ראָטהשילדס ביאָגראַפיע,	.10
ראָמאַנען אַלבום,	.15
רוסישע געהיימניסע,	2.00
ריעזען,	.10
אַ רייזע אין אונבעקאַנטע געגענדען,	.10
אַ רייזע אַרום דער וועלט אין 80 טעג,	.25
אַ רייזע אין הימעל,	.10
אַ רייזע צו זיד פאָל,	.15
רעגינע,	.15
רמב"ם לעבענס בעשרייבונג,	.03
שאַילאָק, שעקספיער	.15
שוואַרצע דיאַמענטען,	.15
שוואַרצע האַנד,	.45
שוואַרצע חברה,	.25
שוואַרצע קונסט,	.10
שווינדלער,	.10
שטאָדט מסור,	.15
שטאַרקער פון אייזען,	.85
שטומער בעטלער,	1.25
שטיינערנער מענש, שמ"ר,	.50
שעהנע העלענאַ,	.05
שפאַניש־אַמעריקאַנישער קריעג,	.40
אַ שפאַציער אין גיהנום,	.03
אַ שפיצעל פון אַ פורים שפיעלער.	.03
שרעקליכע געהיימנים, שמ"ר,	.15
תחית המתים, פון נאָרדוי,	.03

גראף טאלסטאי'ס ביכער.

איוואן איליטש'עס טויט, .10
איוואן דער נאר, .03
איך און מיין מאן, .10
אננא קארענינא, .25
טאלסטאי'ס ביאגראפיע, .03
מיין ווידוי, .10
מיין פריינד'ס פרויא, .10
דער נסיון, .10
פאליקושקא, .10
דיא פערפיהרונג, .10
צווייא דורות, .10
קריעג און פריעדען, .50
קרייצער סאנאטא, .10
תחית המתים, .15

עמיל זאלא'ס ביכער.

בלוטיגע חתונה, .10
א גלח'ס זינד, .10
דיא דארפס מיידעל, .10
ווייבערשער גן־עדן, .25
ושערמינאל, .40
דער טויט שלעגער, .30
ליעבעס נאכט, .10
לעבען און טויט, .10
מענשליכע בעסטיעס, .15
נא:א, .35
נאנטאס אדער דער געקויפטער מאן, .10
פערגיפטעטער קוס, .25
פאריזער דאמען, .10
פון חופה צום קבר, .10
פרויען־ליעבע, .10

אבראמאוויטץ'ס ווערקע.

אלטע מעשה, .10
דאס ווינש פינגעריל, .15
דיא טאקסע, .15
יודעל, .15
ישראליק דער משוגענער, .10
פישקע דער קרומער, .15
דער פריזיוו, .15
דיא קליאטשע, .15

קליין מענשלע, .15
רייזע בעשרייבונג פון בנימין דעם דריטען .10
שלמה ר' חיים'ס, .10

גאלדפאדען'ס טהעאטערשטיקע (פיעסען.)

אחשורוש, .10
באבע מיט'ן אייניקעל, .10
ביידע קוני לעמעל'ס, .10
בר כוכבא, .10
דאקטאר אלמאסאדא, .10
כשוף מאכערין, .10
מליץ יושר אדער ר' יאזועלמאן, .10
קבצנזאהן און הונגערמאן, .10
שולמית, .10

שייקעוויטש'ס טהעאטערשטיקע.

דיא קאקעטע דאמען, .10
דיא שפאנישע אינקוויזיציאן, .10

וויטצען ביכער.

אמעריקאנישער וויטצלינג, .05
אנעקדאטען בוך, .05
הערשעלע אסטראפאליער, .10
וויטצען אלבום, .15
וויטצען פון קארט, .03
הייקיל דער ליץ, .05
מאטקע חב"ד, .05
שייקע פייפער, .05

מעטהאדעס צו לערנען ענגליש.

אלענדארף'ס מעטהאדע מיט'ן שליסעל, 1.25
אמעריקאנישער לעהרער, בראשירט אין טאשען פא־מאט, .20
אמעריקאנישער לעהרער, געבונדען אין טאשען פארמאט, .25
דייטש פיר אנפאנגער, .05
יודיש־אמעריקאנישע שוהלע, געבונדען, .25
ענגלישער אלף־בית .05
נייעסטע ענגלישע מעטהאדע בראשירט .25
נייעסטע ענגלישע מעטהאדע, געבונדען, .35
ענגלישער לעהר־בוך, .15
ענגלישער לעהרער, בראשירט, .30

הארקאווים ענגלישער לעהרער, געבונדען, .40

ענגליש רוסיש מעטהאָדע, געבונדען, .35

נוראק'ס ענגליש-רוסיש מעטהאָדע, .65

קראנץ'ס מעטהאָדע, .75

תורת לשון אנגלי, א ענגליש-העברע-אישע מעטהאָדע, .25

בריעפענשטעלער.

הארקאווים ענגליש-יודישער בריעפענשטעלער און ספעלער, .30

הארקאווי'ס בריעפענשטעלער געבונדען, .40

ווארן'ס ענגליש-יודישער בריעפענשטעלער, .75

פריינקעל'ס ענגליש-יודישער בריעפענשטעלער, .25

הארקאווי'ס ענגליש-יודישער בריעפענשטעלער, פאָלשטענדיג, 1.00

ווערטער ביכער

ענגליש-יודישעס און יודיש-ענגלישעס טאשען ווערטער-בוך, קלאָט באנד, .65

דיטאָ לעדער באנד, .90

ענגליש-יודישעס האנד ווערטער-בוך געבונדען, 1.00

פאָלשטענדיגעס ענגליש-יודישעס ווערטערבוך, געבונדען, 2.25

מעטהאדעס.

דער סיטיזען נאכ'ן נייעם געזעץ, .05

אריטהמעטיק, אָדער רעכען לעהרער, .10

בוכהאלטונג און געשעפטס-פיהרונג, .25

דאָקטאָר בוך, פון דר. לאנדעס, .25

דער לאָיער, לאנדעס געזעצע, .10

קאָך בוך וויא צו קאָכען און באקען, .25

קאנסטיטוציאָן פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, און דער סיטיזען נאכ'ן נייען געזעץ פון א. הארקאווי, .10

דער עמיגראנט דיא געזעצע פון איינוואנדערונג, .10

קאשינגס האנד בוך, מיטינגס געזעצע, .25

קאשינגס האנד בוך געבונדען, .30

שוואנגערשאפט און קינדער ערציהונג, .15

מעטהאדעס פיר קינדער צו לערנען פון אנפאנג אלף-בית.

אלף-בית באותיות גדולות מאד, .03

וואנט אלף-בית פיר חדרים אויף לייגוואנד, סייז 44x28 .50

המבין מיט אידישער און ענגלישער איבערזעצונג .15

בית הספר, מיט אידישער און ענגלישער איבערזעצונג, שניידער .35

דברי הימים לעם בני ישראל, געבונדען, 15

שלחן ערוך לבני הנעורים, .15

ההתחלה, הלל מאלאכאָווסקי .10

המתחיל מיט 150 בילדער, געבונדען, .15

הפרגוג העברי מיט ענגלישע איבערזעצונג, געבונדען, .15

למדו היטב פון מ. פיק, .05

למודי הקריאה מיט ענגלישע איבערזעצ. .10

מורה לשון עבר, הלל מאלאכאָווסקי .25

ראשית דעת שפת עבר, קרינסקי .15

שפה חיה מיט 200 בילדער, געבונדען, .15

שפה חיה חלק שני, .25

תולדות ישרון מיט ענגלישע איבערזעצונג, געבונדען, .15

דיעזע אללע ביכער, בראָשורען, מעטהאָדעס און ווערטער ביכער זיינען פאָלשטענדיג גאראנטירט אז עס פעהלט ניט איין בלאט, דיא פרייזען זיינען נור פיר יחידים (איינצעלנע קויפערס) בוכענדלער בעקומען א גרויסען ראבאט (דיסקאונט).

דיא אללע ראָמאנען און העפטען זיינען ניט געבונדען, ווען יעמאנד וויל זיי האָבען געבונדען בערעכנען מיר 5 סענט פיר יעדען בונד פון 10 העפטען און 6 סענט פיר יעדען בונד פון 15 העפטען.

צו בעקומען בייא אללע בוכהענדלער וויא אויך בייא

HEBREW PUBLISHING CO., 83-85 Canal St., New York.